STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00055

DER POSHETER HOLEM

Menke Katz

Permanent preservation of this book was made possible by
Annette & Marvin Franklin
in memory of
Leybl & Elka Shapiro

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פּשוטער חלום

מעינקע קאַץ

מעינקע קאַץ

דער פשוטער חלום

ניו־יאָרק, 1947

DER POSHETER CHOLEM
The Simple Dream

Copyright 1947 *by*
MENKE KATZ
64 Jefferson Street
Passaic, N. J.

400

אין אָנדענק פון דיר:

לייבל שאַפּיראָ

געפאַלן אין קאַמף פאַר דעם פּשוטן חלום

פון אַ בעסערער, יידישער שול אין אַמעריקע:

אייביקער, ליכטיקער חבר מיינער.

דער פּשוטער חלום

מיינע טייערע:

ס'איז דאָס ערשטע מאָל אַז איך שרייב עטלעכע ווערטער צו מיינעם אַ בוך. איך גלויב אַז ס'איז ניט באַשיידן און ניט נויטיק צוצוגעבן עפּעס צו אַ לידער־בוך. די לידער דאַרפן קענען אַליין „זייער שטעטל באַשטיין", אָן וועלכע ניט איז אַריינפירן. דאָך איז מיר איינגעפאַלן, אין דער לעצטער מינוט, צו דערלויבן זיך אָן אויסנאַם, ווייל דורך די פינף יאָר וואָס זיינען אַדורך, זינט מיין פריערדיקן בוך, ביז היינט — מיין פערציקסטן געבוירן־טאָג, זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע וועלט־קאַטאַסטראָפעס, אַזעלכע שוואַרץ־פאַנטאַסטישע שחיטות איבער אונדזער פאָלק, אַזעלכע אויפטרייסלונגען אין מיין פּערזענלעכן לעבן, אַז איך ווייס ניט אויב איך וועל שוין אַרויסגעבן נאָך אַ בוך. דערפאַר נעם איך אין אָט דער זאַמלונג אַריין זאַכן וואָס געפינען זיך דאָ ווי פאַרבלאָנדזשעטע. רש"יס פּירוש איבער שיר השירים מיט מיינע אָנווייזונגען פון תלמוד און תנ"ך, וואָס איז, מיט דער אויסנאַם פון לאַטיין, ביז איצט אין קיין שפּראַך ניט איבערזעצט געוואָרן, האָט באַדאַרפט דערשיינען באַזונדער, ניט אין קאַפּיטל, ווי אַ גליד אַרויסגעפליקט פון אַ גאַנצן גוף. די אָפּטיילונג „זייט־געזונט" פון לייזער חייט און די בריוו וואָלטן דאָ זיכער ניט געפונען קיין אָרט. קיינער נויטיקט זיך ניט אין אָט דעם אומקום. און ניט דאָ וואָלט אַריין „דער לעצטער ייד", ווייל איך האַלט אַז מען דאַרף ניט מישן אין איין בוך, פּראָזע מיט לידער, ס'באַקומט זיך אַ מין שעטנז; און צום ערשטן מאָל איז דאָ אַ בילד פון מיר אין מיינס אַ בוך.

זינט ס'איז אַרויס דאָס בוך: „צו דערציילן אין פריידן", האָב איך געלעבט אין ליטעראַרישן עלנט. (סיידן איך זאָל רעכענען מיין חברשאַפט מיט די יידישע, ליכטיקע קינדערלעך, אין די קלאַס־צימערן פון אונדזערע שולן, ווי אַ ליטעראַרישע סביבה.) אָן קיין שום ליטעראַרישע סביבה, אָן דעם סטימול וואָס אַפילו אַ ליטעראַרישע קריג ברענגט מיט זיך, ווי למשל ווען ס'האָט געלעבט און געשטורעמט די פּראָלעטאַרישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע: „פּראָלעטפּען". נאָך דעם טויט פון מיין ליבן חבר און פריינט מ. אָלגין, האָב איך כמעט ניט געדרוקט אין ערגעץ קיין לידער, אַזוי איז געוואַקסן די נאָגנדיקע איינזאַמקייט. צו קענען שאַפן אין אָט דעם שרייבערישן עלנט, אין יאָרן פון טראַגיק, דאַרף מען באמת זיין „שטאַרקער פון אייזן" און מיר זיינען דאָך עס קיינער ניט, האָב איך טאַקע זייער ווייניק געשריבן. וואָס פאַר אַ ליידן, ווי טיף אָט דער ניט שפּעדרישער זשאַווער פרעסט זיך אַריין אינעם האַרצן און אין דער נשמה איז גוט באַקאַנט יעדן דיכטער, אָבער איצט האָב איך זיך צעשריבן מיט אַזאַ אימפּעט אַז איך קען קוים אָפּהאַלטן דעם שטראָם שטימונגען וואָס זיינען אַזש באַפאַלן מיינע טעג און נעכט. די גרעסטע טייל פון אָט דעם בוך, האָב איך געשריבן אין די לעצטע, עטלעכע חדשים.

איך האָף, דאָס געפיל אַז ס'איז מיין לעצט בוך וועט פאַרגיין. געוויס ווילט זיך ניט אויסמיידן די פרייד פון שאַפן — די פרייד פון לעבן. אָ, די פרייד פון שרייבן — קעמפן פאַר אַלץ וואָס איז עכט און שיין — און צווישן: שמועסן — וואַנדערן מיט נאָנטע פריינט אַרום אַ טעפעלע קאַווע.

פון טיפן האַרצן דאַנק איך דעם קאָמיטעט פון לערער און טוער, ספּעציעל חבר הערש שטיינהאַרט פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט; אַ דאַנק יעדן איינעם וואָס האָט געהאָלפן דאָס בוך זאָל דערזען די שיין.

„און זיס איז די שיין און גוט פאַר די אויגן — צו זען די זון".
(„ומתוק האור וטוב לעינים לראות את השמש" — קהלת, יא—ז).

שטענדיק,

אייער,

מ ע י נ ק ע

דער פּשוטער חלום

1
אַן אויסגעדראַכטער שלום

די האַפּנס הילכן מיט געלעכטער פון צעווינטיקטע מאַטראָזן.
אין זונפאַרגאַנג מיניען זיך די פייערן פון געוואונענע שלאַכטן.
איצט שרעקט דער דייטש, אונטער צעטראַטענעם גראָז.
די שיפן פאַראַנקערט — אין ישעיהס חלום,
די אַנקערס, ווי אַקעראייזנס דערמאָנען:
אין שלום, אין זעט פון צעאַקערטע פעלדער.
מידע סובמאַרינען רוען ביי די ברעגן,
און גרויען מיט געפּאַרן פון יאָרן נאַכט.
די האַפּנס ווייען מיט לעגענדעס פון די גרונטן פון יאַמען.

איבער יעדן טרויער רוישט די פרייד אַריבער.
פון די בלינדע טיפן, ביז די יאַנטעוודיקע הויכן,
איבער פוילע כמאַרעס, אונטער וואַסער־וועגן,
טראָגט זיך דער זיג — אַ שאַלנדיקער גיבור.
דעם טויט פון טרעבלינקעס פליקט ער אויס,
און ס׳גלייכן זיך רוקנס אויף דעם אָרט פון קראַנקער מורא.
אויף דעם אָרט פון דאָרן ווייזט זיך די רויז.
אויף דעם אָרט פון געוויין — ליכט און געזאַנג.

איבער דערפּעלעך פאַרפּוצטע, איבער שפּאַנענדיקע שטעט,
שפּילן זיך אין חלום און אין וואָר — שטיפער: עראָפּלאַנען.
אָט זיינען זיי שטאָלענע מלאכים, אָט פאַנטאַסטישע קינדער.
אָט גראָבן זיי דורך אַ וואָלקן — אַ הייל.
אָט ווילן זיי אונדז מעשהלעך דערציילן —
פון פליענדיקע וועלדער, פון בערן, — פּילאָטן,
פון הימלשע פעלדער פאַרזייט מיט שטערנדיקן ברויט.
אָט קייטלען זיי זיך — אַ באַן אַזאַ דורך פּלאַנעטן.
אָט זיינען זיי אַ בריק פון וועלט צו וועלט.

איבער דערפּעלעך פאַרפּוצטע, איבער שפּאַנענדיקע שטעט,
שפּילן זיך אין חלום און אין וואָר — שטיפער: עראָפּלאַנען.
אַ פאַלשע קאַזשלקע —
און אַלץ ווערט טרויעריקער גאָרנישטניט.
אָט קוליען זיי זיך פון תהום דורך תהום.
אָט פאַלן זיי — אַ האָגל פון שטערן,
און ווערן אין די רוימען פאַרפאַלן — פוסטעניש בלינדע.

נאָר גרינג איז ווייזן היינט אַ פייג דעם טויט.
גרינג איז היינט אַ וואָלף אין אַ לעמושקע בייטן.
היינט הוליען ניט אין מאַידאַנעק קיין שיכורע שעכטער.
היינט פירן עראָפּלאַנען ניט קיין צאָרן פון אַטאָמען,
און ס׳וואַרפן באָמבאַרדירער ניט קיין בערג אונטער טאָלן.
אָט צענעמען זיי דעם ווינט אין פלאַצנדיק געלעכטער.
אָט קרייזן זיי אַ וואָרט — אַ ריז אַזאַ פון זילבער און פון רויך:
„ש—ל—ו—ם!״

שלום — אַ חלום וואָס כלות האָבן געקלאַמערט,
דורך תאוותהדיקע נעכט, אויף עלנטע געלעגערס,
און ס׳האָט דער שטילער ליבסטער זיך געוויזן,
אין רעוועדיקער ווייט — אַ פלינקער יעגער,
וואָס רייסט אַ חיה רעה מיט זיין גערעכטער שפּיז —
אַ שלאַנקער טאַרזאַן, אין שטאָל און פייער אָנגעטאָן.

שלום — אַ שטראַל פון „אחרית הימים״: ישעיהם אייביקער באַגינען.
אָ, אַ וואָרט אַזאַ האָט אויסגעבענקט מיין מאַמעס אויגן —
אָ, אויגן פול מיט ליידיקייט פון פוסטע קאַמערן!
אין יעדן שאָרך פון גאַס, אין די טריט פון אַ שאָטן,
האָט זי דערהערט איר עלינקען אַזש פון עקן וועלט.
עלינקע אין יעדן סקריפּ פון טיר, זאָגט איר אַ וויסטע בשורה אָן.
פאַרנאַכט האָט זי אַליין מיט איר טרויער, די פייערן פון אוונט פאַרשאָטן.

אוי, עלינקע מיט אכצן נייאינקע יאָרן איז געבליבן,
אינעם האַס פון דאָרנדיקע פעלדער גרינען.
עלינקע דורכגעציטערט אינעם הארץ פון מיין מאַמען,
וועט די בלומען, דעם ווינט און די שטערן שטענדיק ליבן,
און וועט זיי די פאַרלאָרענע בענקשאַפטן פאַרטרויען.
אָ, מיין מאַמע איבער לעבעדיקן בילד פון עלינקען געבויגן,
זעט עלינקעס הימל אין יעדן ווינקעלע בלויען.

ווי, מיין מאַמע איז ניטאָ אין די ליכטיקע קאַראַהאָדן.
מיין מאַמע וואָלט בולבענע קניידעלעך און עשיום לינדזן געגרייט,
און אַנטקעגן די פאַראַדן פאַרפּוצט זיך אין איר שבתדיקן קלייד.
אָ, מיין מאַמע וואָלט געבאַקן היינט מיכאַלישקער פלאָדן.
מיין מאַמע איז אַוועק פון די גוטע קינדערסוועגן,
מיט די אומרואיקע וואָלקנס — די פאַרבענקטע וואַנדערער —
אין די פאַרדעכטיקע האַרבסטן היט זי זייער יעדן קער,
ס׳זאָלן חלילה די וואָלקנס ניט זיין — אַ פאַרשטעלטע באַנדע,
געלאָדן קעגן עלינקען מיט פולווערדיקן רעגן.

מיין מאַמע וואָלט געזאָגט אַצינד:
„ווי און ווינד,
וועלכער דאָקטער קען אַ מאַמעס וואונדן היילן?
וואָסער זיג איז שטאַרקער פון אַ מאַמעס טרער,
וואָס האָט איר זון — דער זון פון דער וועלט אָפּגעגעבן?
וועלכער פלאַפלער קען אַ מאַמען דערציילן,
אַז ערגעץ בליט ער אויף אַן אויסגעדאַכט פעלד,
אַז ערגעץ וועט ער — אַ העלד אייביק לעבן״.

ווען פאַלן וועט פון לעצטן ביקס — די לעצטע קויל,
און בלייבן וועט ליכט און ווינט, ווי קינדיש געלעכטער ריין,
וועט פאַרטונקלען די טעג אַ טרויעריקע בלום —
אַ בלום שוואַרץ פון נאַכט און שרעק און אַש פון ביינער,
אַ בלום פון די געטאָס פון ליטע און פון פוילן.
ביים לויטערן רוף פון יעדן באַגינען,
וועט מיין מאַמע באַדאַנע פון מיין ליד אַרוים,
די קדושים פון מיין דור צו באַוויינען.
אין אַ וועלט פון בלומען וועט זי אַ דאָרן זוכן,
און אויף אַ שטאָם וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרזוכט,
ניט קיין זון, ניט קיין טוי, ניט קיין ערד,
וועט זי דער שוואַרצער בלום געפינען.
אָ, די שוואַרצע בלום — אַ כוס אַזאַ פון קנעכטישן מצרים,
וועט צויבערן שיכור מיט מיין מאַמעס טרערן,
און מאַכן איבער מיין דור אַ בלוטיקן לחיים.

2
„באחרית הימים"

איך זע דעם פּשוטן חלום פון אָרנטלעכן מענטשן.
דער מענטש וועט אַ שליידער טאָן זיין יאָרטויזנטן יאָך.
די נויט פון קרומע חורבות — אַ הויקער פון פאַרצייטן,
וועט זיצן אין לעגענדע, אונטער אַ באַרג פון מאָך,
פאַריאָגט פון מענטש און זון, פון רוים און צייט.

דער פאַרטאָג וועט פאַרוואָלגערן די לאַנגע, לאַנגע נעכט.
בלייבן וועט פון בעטלער און קעניג, פון מלכה און זונה,
פון אָרעם און רייך — פון גאָר דאָס ברודנע שלעכטס:
אויף אַ גרויען הימל — וואָגלענדיקע טעג אַזוינע,
פון אַלטע כמארעס — אַ מוטנער טייך.

דער מענטש וועט שלאָגן פון פעלדז אפילו קוואַלן.
דער יאָנטעוו פון מי — דער פלינקער אינדערוואָכן,
וועט רייסן פון טויט אפילו שטראַלן.
דער „אחרית הימים" פון וואָלף און שעפּס, פון קינד און שלאַנג,
וועט מיט דעם אַקעראייזן — די געוועזענע שווערד,
ביז דעם לעצטן שאָטן, ביז אַ לעצטן קלאַנג,
פאַראַקערן די רשעות אין דער נייער ערד.

די אַלטע וועלט — אַ מכשפה מיט אויסגעזעצטע ציינער,
וועט קריצן דורך שלעסער פון צעשמעטערטע טורמעס.
דער האַס וועט בלייבן — פון גאָר זיין גאַל אויסגעזויגן.
פון מיין דערוואָרגענעם דור וועט קומען אַ ווינט,
פאַרשלינגען דעם אַש פון פאַרברענטע תליות.
אַ, עס שווערט פון מיין יעדן אות — די ערלעכע טינט:
בלייבן וועט די וועלט — אַ מעשהלע אַ שיינס,
אַנטקעגן אייביקן שלום פון רעגנבויגן.

אין אַ מאָרגנדיקן מוזיי

אין מוזיי וועט קריכן אונדזער אַלטמאָדישער יאָרהונדערט,
און זען וועט דער מענטש פון וייטן מאָרגן,
אונדזער העלן היינט — אין לאַנד פון אַמאָל:
אַ באַפליגלט ווערימל — דער קעניג עראָפּלאַן,
די מעכטיקסטע ראָד — אַ מילכל געדריי;
און זען וועט דער מענטש פון וייטן מאָרגן,
אַזויפל פייער־קרוינען, אַזויפל קלעטער פון שטאָל,
אַזויפל צויבער פון דער מלכּה בראָדוויי,
וויפל שפּיל אין אַ זשמורנדיק ליכטל איז פאַראַן.

אין מוזיי וועלן שימלען די שלאַכטן פונעם היינט,
יעדע שלאַכט — אַ באַרג צעבויגענער שטאָל.
הינטער דעם פאַרטאָג מיט זשאַווער דורכגעגעסן,
וועט שטרעקן דעם פאַרמשפּטן האַלדז דער קאַנאָן,
פאַר קינד און קייט — אַ בייזוואונדער.
פון אַטאָם־באָמבע — די טויזנט טאָרנאַדאָס,
וועלן דרימלען גרוי און פאַרגעסן,
אויף אַ געבליבענעם פּערל פון אַ פאַרוויסטן טראָן.

און אין מוזיי וועט שטומען מיין פאָלק פון ליטע און פון פוילן.
אַ הויך וועט אַ שטויבעלע — אַ האַרץ צעשוועבן.
אַ מענטש וועט אויסגיין אין דעם עכאָ פון אַ קלאַנג.
פאַרטאָג וועט אַ העלד אין יעדן שטראַל לעבן.
פאַרנאַכט וועט אַ קדוש אין יעדן שאָטן שטאַרבן.
יידישע קללות, ווי קנוילן שלאַנגען,
וועלן גריזשען דעם פיינט אין פאַרגרינטן שטויב.
יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ פאַרגאַנגען,
וועלן דאָ צאַנקען אויף די אָוונטדיקע שויבן.
דער אָוונט וועט צעצינדן די פאַרקלערטע שאַרבנס.
דער מוזיי וועט שרעקן מיט אויגנלעכער פון אַ קינדישן קאָפּ.
אַ האַלעוועשקע וועט דערמאָנען אין אַ חרוב הויז,
אַ שאָטן פון אַ שלאַנג — אָן אויסגעפליקטער צאָפּ.
דורך אַ רויך פון אַ קוימען וועט אַ פאַרברענטע זון אַרויס.
דורך אַ שטיקל זייף פון מאַרך און טרוים און ביין,
וועט הויערן אַ לאַנג פאַרשטיקט געוויין,
און שרעקן מיט טויט פון פאַרגאַזטע גרוילן,
וואָס האָבן געפּערטלט דאָס האַרץ פון מיין פאָלק, —
אָ, מיין פאָלק פון ליטע און פון פוילן:
איך זע יחזקאל הנביא אין מיליאָנען קברים דיך זוכן,
נאָר איך האָב דיך געפונען אין אַ טרויעריקן לידער בוך,
האָב איך דערזען אַפילו דעם גאָט פון אברהם געקוילעט.

3
אַ נאַכט אין דער וואַרשעווער געטאָ

איך זע אַ נאַכט אין דער וואַרשעווער געטאָ.
זקנים פּראַווען חצות אין פאַרבלוטיקטע טלתים,
און קלייבן פון אַלע תשעה באָבס גאַר די טרערן,
און שליידערן יעדע טרער קעגן גאָט אַליין:
„רבונו דעלמא —
מיר פון סקילה, שריפה, הרג וחנק, מאָנען תחית המתים.
אַפילו אליהו האָט אונדזער געוויין ניט דערהערט,
ווען געזען האָבן מיר די שרעק ווי אַ שלאַנג זיך שאַרן,
און געווען זיינען מיר בלינדע, וואַנזיניקע און לאָמע,
אין געסעלעך פאַרוויסטע, אין חורבות שטאַרע, —
איז ווי וועט אונדז משיח בן דוד דערקענען,
אַז מיר זיינען צעפליקט בית-עולם גראָז,
און ס'האָט דער דייטש אויך די נשמות אונדז פאַרברענט?
רבונו דעלמא:
זאָלסט שוין פון אונדז די טויטן די געשענדטע פאַריאָגן!

און ס'זיינען די זקנים די הימלען באַפאַלן,
און שפּאַלטן דעם חצות מיט אַן אימהדיקן שופר בלאָזן:
— תקיעה!
שברים!
תקיעה גדולה!
און ס'איילן די עכאָס פון ווייט דורך ווייט,
און שטאַרבן אַוועק אין אַ סודותדיקן ווידוי זאָגן:
„משיח—משיח—מ—ש—י—ח!
נעם דיין פערדל און קום שוין צורייטן,
אוי, דו האָסט פאַרזאַמט זיך לאַנג אַזוי,
און דער גלות צאַמט פון פערדל דעם פשוטן גאַנג.
מיר זעען די אייביקייט אין דיינע יידישע אויגן,
און ס'לויכט דיין באָרד מיט שטערן, מיט ברכות און מיט טוי".

אין פרילינגדיקן חצות שוועבן שמות פון פאַרבראַנטע תורות,
און בעטן זיך ביי יעדן זעמדעלע אַן אָנהאַלט.
שטיקער באָרד אין ווינט שרייען גוואַלד,
און זוכן אין צעזייטן אַש די געוועזענע זקנים;
און ס׳האַלטן די אייגענע קעפּעלעך, די שיינע,
מיינע טויטע ברידערלעך — די געקעפּטע קינדער,
און ווי קלאָרע טייכעלעך פון באַרג אַראָפּ,
מורמלען זיי מיט די וואַסערלעך אינאיינעם:
„משיח, משיח, משיח!
נעם דיין פערדל און קום שוין צורייטן.
אוי, דו האָסט פאַרזאַמט זיך לאַנג אַזוי,
מיר זאָלן זיך חלילה אין גרעזעלעך ניט בייטן”.

משיח איז אַ פייער־שטורעם,
ווי ער וואָלט גאָר די לאַווע פון דער ערד צעברויזט —
משיח איז אַ צאָרן וואָס קען דעם טויט אַליין בויגן,
משיח איז אַ וואַסער־גיבור,
וואָס יאָגט אַלע גרונטן אַרויס, —
ווי ס׳וואָלטן אַלע יאַמען די ברעגן אַריבער,
און אויף וואַסער־פליגל קעגן שונא געפלויגן.

4
פאַרטאָג אין געטאָ

דער פאַרטאָג איז אַ פלאַקער פון רויטע פאָנען,
דער פאַרטאָג איז דער חלום פון ווייס־בלויע פאָנען,
און ס׳טראָגן דער זון, די וואָס האָבן דורך די דורות —
מיט בלענד פון אייגן בלוט, מיט ערשטער שיין פון מאָרגנשטערן,
דעם מאַרטירערס טויטנצעל, דעם שנאָרערס כאַלופּע צעהעלט.

אַ ליכטיקער רוף האָט דעם נאָנטן טויט צעשיינט:
„ברידער, יידן פון דער וואַרשעווער געטאָ,
מער זאָלן קיין עלנטע ווינטעלעך ניט ווייען באַזונדער.
צוזאַמען איז דאָ זון און שטורעם, אַפּילו קעגן ווילדסטן פיינט.
צוזאַמען איז דאָ נס און גבורה — וואונדער איבער וואונדער".

— —

אָוונט אין געטאָ.
דער טויט איז אַ פלאַקער פון רויטע פאָנען,
דער טויט איז אַ פלאַטער פון ווייס־בלויע פאָנען:
פון יעדער פאָן שרייט אַ קללה — צו דער טויבער וועלט,
אַז דער ווייטסטער דור זאָל דערהערן.
קדושים זינקען אינעם טויט אריין,
פון די אייביקע פינצטערנישן ליכט צו מאָנען,
פונעם טויט אַליין צו מאָנען שיין.
און ס׳פאַלן ציון פאָנען — אַ ווייס־בלויער חלום פאַלט,
און ס׳פאַלן רויטע פאָנען: לעצטע, טרויעריקע, אָוונט־שטראַלן.

די געטאָ איז מיט סוואַסטיקאַס, ווי מיט שדים אָנגעטאָן.
פאַראַן נאָך אַ פאַרעקשנטער פויסט, אין דער זון פאַרקלאַמערט —
אַ פויסט — אַ פאַקל וואָס טראָגט דורך די פלאַמען,
אַ העלישן טרוים אויף דער ציון־פאָן:
„אַ, אויב פאַר אונדז איז מער קיין טאָג ניט געבליבן,
וועלן מיר דורך אַלע דורות אַליין זיך צעטאָגן".

— —

אַ, נאָר דו מיין פאָלק קענסט אַזוי אייביק ליבן.

זע:
יידן בויען ביז ישעיהס חלום פון די אייגענע קעפּ אַ בריק.
זע:
מתים שטראַלן — אַ דור פון פאַרטאָגן.
האָרך:
מחנות קומען דעם טויט פון קדושים פאַריאָגן.

אָ, מאָרגנדיקע ברידער מיינע

אַט קומט אַ מחנה ברידער פון ווייטן איבערמאָרגן,
אַט קומט אַ מחנה נאָך ניט געבאָרענע שוועסטער.
דער לעצטער תליון האָט פאַר פחד אַליין זיך דערוואָרגן,
און ס'ווערט אין בלענד — די שאָטנדיקע נויט,
אַליין פאַרפאַלן אינעם חשכות פון נעכטן.

פון סדום ביז וואַרשע — דער זאַטער טויט,
וועט פאַר רציחה אַליין זיך שעכטן.
עס שווערן די מאָרגנדיקע ברידער,
עס שווערן די מאָרגנדיקע שוועסטער,
מער וועט קיין המן, ישראל, דיך ניט בויגן,
ניט איבער קברים פון קדושים, ניט אין קריעה שטיבער.
איבער אונדז וועלן מער ניט פרירן טאָרקוועמאַדאַס אויגן,
אויף די אַלטע פלשתים וואַרט אַ נייער שמשון הגיבור.

אָ, מאָרגנדיקע ברידער מיינע,
אָ, נאָך ניט געבאָרענע שוועסטער מיינע:
איך שיק אייך אַ בריוול אין געשמאַקן מאַמע לשון,
איך שיק אייך די ברכה פון מיין געבענטשטן אַלף-בית.
אַ שפּאַן אייביקייט האָט אונדז, ווײ, צעשיידט.
אָ, ווייטע אייניקלעך מיינע, גוט איז מיר אַזוי,
וואָס ס'איז מיין ליד, ניט ווי מיין גוף,
צו מיין אייניקן יאָרהונדערט געבונדן.
איך קום צו אייך — אַ ליד אין אייער פרייד.
אָ, הערט אין ווינט מיין האָפערדיקן רוף.
אין אייער צער בין איך די העלע טרייסט,
אין אייער צער בין איך אַ טרער פון אייער טוי, —
אַ גלעטנדיקע האַנט אין אייערע פּיינען.
אָ, גוט וואָלט מיר געווען אַזוי,
ביי אַט דעם ליד שטאַרבן אַצינד,
און בלייבן ווי אַ קערנדל אין דער ערד פאַרשלאָסן,
און איבער צוואַנציק דורות מיט אייך אויפגיין,
ניט קיין מענטש, נאָר אַ בייט אין אַן איינזאַמען טאָל,
און איך אויף דער בייט — אַ קינד פון אַמאָל,
זאָל זיך רויטלען פאַרשעמט דורך געבויגענע רויזן,
אויף יעדער רויז זאָל שמאַרצן אַ פרילינג פון מיין דור,
און שמעקן מיט פּיין, ווי אַ צעבליטע וואונד.
אָ, די בייט וואָלט שוימען מיט סאַמיקע וויינען,
אין איר שאָטן וואָלט זיך קרימען דער פאַרלאָשענער אַמאָל.

6
יחזקאל הנביא

אַ, ברידער, יידן פון דער וואַרשעווער געטאָ:
סיי איר וואָס האָט אויף דער רויטער פאָן צעשיינט,
אייער שרייענדיק בלוט — אַ קללה קעגן פיינט;
סיי איר וואָס אין אייערע לעצטע הענט,
האָט ציון געשוועבט אויף דער וויים-בלויער פאָן,
אַפילו ווען געשריען האָבן פאַלנדיקע געטאָ ווענט,
מיט שפּרינגנדיקע ציגל, מיט שטיינערנע גוואַלדן;
סיי איר וואָס האָט, ווי רבי עקיבא, ווי די „עשרה הרוגי מלכות",
ניט אויפגעהערט שעפּטשען זיין ליבן נאָמען,
אַפילו ווען קאָכעדיקע צוואַנגען האָבן יעדנס הארץ געהאַלטן, —
איך הער אייער „שמע ישראל" אינעם ווינט אייביק קלאָגן.
איך הער יחזקאל הנביא אייערע קברימלאָזע ביינער וועקן:
— שמע ישראל!
שטיי אויף —
און נעם די געשאָכטענע מחנות צונויף,
און זאָל די וועלט דערזען —
מיין געקוילעט פאָלק מחנותווייז, מחנותווייז שפּאַנען,
און זאָל די וועלט דערזען —
וויפל צאָרן, וויפל גבורה ס'איז אויך אין טויט פאַראַן.

אָט קומט מיין פאָלק — יחזקאל הנביא אַנטקעגן:
עברים פון מדבריות, פון זאַמדן דורכגעגעסן.
יידן, ווי ליים און ציגל, פאַרמויערט אין מצרים.
יידן, גיבורים איבער ווילדע כנענים די זיגער,
וואָס האָבן מיט יעקבס ברכות דערנער צעבליט.
יידן, באַפּאַנצערטע מחנות — דודס קריגער,
וואָס האָבן מיט קעפּ פון די פלשתים — יהודהס קרוין געהיט.
יידן מיט פאַרבענקטע הארפן, ביי די טייכן פון בבל,
וואָס זיינען מיט אַ הייליקער שבועה אַנטקעגן ירושלים געזעסן.
יידן מיט טענץ, מיט פויקן און געזאַנג,
וואָס האָבן קיין ציון אהיים-אהיים געצויגן:
די פויקן פאַר כורש, די טענץ פאַר זרובבל,
פאַר גאָט און פאַר מי — דאָס געזאַנג.

אַט קומט מיין פאָלק — יחזקאל הנביא אַנטקעגן:
יידן פון מידעין, אין די בערג פון יהודה פאַרבאָרגן,
וואָס האָבן מיט גבורה פון גלויבן געשאַרט זיך דורך די נעכט,
נאָך די טריט פון יהודה המכבי, יהודה הגיבור,
און מיט יהוהס צאָרן דעם מעכטיקן געץ געוואָרגן,
(און ס׳האָט קיין טויט דעם חן פון די חנהס ניט פאַרקנעכט.)
ביז יאָוון דער ריז איז אַ קרעציק קאַרליקל אַרויס,
ביז דאָס לעמפּעלע ליכט — דאָס לעמפּעלע פון האָפענונג,
איז אַלע פינצטערנישן פון אנטיוכוס הרשע אַריבער.

יידן פון די פלאַמען פון בית המקדש,
וואָס האָבן די קעפּ פאַר חוזק פון רוימער אָפּגעגעבן.
יידן אויף אַרענעס — אויסגעלאַכטע גלאַדיאַטאָרן,
אין פאַרשפּילטע לייב-געפעכטן,
ווען ביי פּאַרצוקטע זעלאָטן האָט טיטוס געשוואָרן:
„ווער ס׳קען מיט הוילע הענט די לייבן שעכטן,
שווער איך ביי יופּיטער אַז דער וועט לעבן".
אַ, זעלאָטן פון גליל, הינטער טיטוס מאַרש צעהאַנגען.
ס׳האָט טיטוס הרשע מיט בלוט פון קנאים פאַרטרונקען זיין צאָרן.

יידן וואָס זיינען אונטער טאָרקוועמאַדאָס קנוט געגאַנגען,
מאַראַנען פון די שייטערהויפנס פון שפּאַניע אויפגעגעסן.
יידן פון דער וואַרשעווער געטאָ מיט פאַרגאַזטע אויגן.
„יידן פון אַלע דורות קומען יחזקאל הנביא אַנטקעגן;
און דער נביא איבער מיין דור געבויגן,
איז אַפילו נאָך דער זון שבעה געזעסן,
און איז אַוועק דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן,
שעפּטשענדיק דור איין, דור אויס,
חורבן איין, חורבן אויס:
„אַ, יידן ליכטיקע, אַ, אייביקער זונאויפגאַנג".

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

דער פשוטער חלום פון דיר און מיר וועט נאָך זינגען,
מיט געזאַנג און געלעכטער איבער צער און געוויין.
מיט גרין און גאָלד פון יאָרן וועט יעדער זיין רייך אַזוי,
רייך מיט נייגער פון גליאַיקע באַגערן,
רייך מיט ברכות פון לאַנד צו לאַנד, פון מענטש צו מענטש,
נאָר דער טכויר, דער קמצן און דער חושך וועלן בלייבן אָרעם.
די שפין אינעם ליידיקן שפינוועב וועט כאַפּן זיך אַליין.
אויף דעם אָרט פון חורבות און פון טרערן,
וועט בויער און טרוימער:
פעלד און ליד, פויגל און חיה בענטשן.
דעם צאָרן פון גאָט, פון מענטש און שטורעם,
וועט אַ קינד מיט אַ שמייכל פון אַ מלאך שטילן.
אַפילו פון נאַכט און טאָג — די אייביקע קריג,
וועט ווערן — אַ זון און שטערן שפּיל.
אַ, דער מאָרגן האַלדזט אונדז אַלע מיט נאָך ניט דערגרייכטע אָרעמס.

אויף בייסיקלס דורך „סענטראַל פּאַרק“

אויף בייסיקלס דורך „סענטראַל פּאַרק"

טריאָלעטן

1
פאַרטאָג

מיין גאַס איז אַ נייגעריקער וועג וואָס גאַרט נאָך דיין קומען.
און אָט דער פריער שעה ביסטו מיין אָנהייב — מיין ערשטער
גלויבן.
און מיין גרויען צימערל לויכט אַ טרוים אפילו פונעם שטויב.
דורך די שויבן זע איך דיך, ווי פון אַ חלום קומען.
וואָסער כוח וואָלט מיין יאָנטעוודיקע אומרו איצט פאַרשטומט?
וואָסער וויסטע נאַכט, וואָסער מאָנסטער קען דעם פאַרטאָג
איצט רויבן?
מיין גאַס — אַ דערגרייכטער וועג, די נויט — אַ וואַרנדיקע בלום.
און אָט דער פריער שעה ביסטו מיין אָנהייב — מיין ערשטער
גלויבן.

עס טאָגט די שטאָט, מיר פאָרן אויף בייסיקלס דורך
„סענטראַל-פּאַרק".
ניו-יאָרק האָט דער נאַכט און די פייערן פון פענצטער פאַרברענט.
אַ, וועלכע שיין, וועלכער פרילינג איז ווי דאָס האַרץ אַזוי העל?
מיר פאָרן אויף בייסיקלס דורך דעם פאַרטאָג פון
„סענטראַל-פּאַרק".
היי, בייסיקל פלי—אָט טאָל אונטער טאָל, אָט באַרג איבער באַרג.
היי, בייסיקל, טראָג אונדז באַרג אַראָפּ מיט געהייבענע הענט.
איך הער מיין קינדהייט רוישן דורך די וועלדלעך פון
„סענטראַל-פּאַרק".
ניו-יאָרק האָט דער נאַכט און די פייערן פון פענצטער פאַרברענט.

איך ווייס ניט צי פון פרייד, צי פון צער בין איך אַזוי שטאַרק,
כאַטש נעם און טו אַ שליידער אַ באַרג אין אַ טאָל,
כאַטש נעם און טו אַ יאָג דעם חושך אין אַמאָל —
איך ווייס ניט צי פון פרייד, צי פון צער בין איך אַזוי שטאַרק.
זאָג, צי פון ליבשאַפט, צי פון אומרו ביסטו אַזוי צאַרט,
כאַטש נעם און גלי אַריין אין סוד פון אָט דעם זונאויפגאַנג.
איך ווייס ניט צי פון פרייד, צי פון צער בין איך אַזוי שטאַרק,
כאַטש נעם און טו אַ שליידער אַ באַרג אין אַ טאָל.

די אייביקייט פאַרגייט, אַ שעה מיט דיר שטאַרבט קיינמאָל ניט.
זע, אַט זיינען שאָטנס — שדים, אַט ווערן שאָטנס — שטראַלן.
פינצטערניש איבער פינצטערניש טוט אַ וואַקל זיך און פאַלט.
די אייביקייט פאַרגייט, אַ שעה מיט דיר שטאַרבט קיינמאָל ניט.
דער טאָג קומט אַנטקעגן אונדז מיט ציטער פון ערשטע טריט.
אויף יעדער רגע פון טאָג — אַ דור אַ פאַרליבטער וואַרט.
די אייביקייט פאַרגייט, אַ שעה מיט דיר שטאַרבט קיינמאָל ניט.
זע, אַט זיינען שאָטנס — שדים, אַט ווערן שאָטנס — שטראַלן.

מיר פאָרן אויף בייסיקלס דורך מעשהלעך פון אַמאָל.
מיידל, איך גיי אויף לעבן דיר — אַ לאַנג פאַרגאַנגענע זון.
מרים טאַנצט דור איין, דור אוים אַנטקעגן גאָט און ליכט און זיג.
מיר פאָרן אויף בייסיקלס דורך מעשהלעך פון אַמאָל.
אייביק וויינען היילן און ס'הילכט דורך זיי גאָטס הײלנדיק קול
וויפל פייגל אַזויפל לידער האָט מיין פאָלק געשפּונען.
דער העלסטער מאָרגן רייסט זיך פון דעם פינצטערסטן אַמאָל.
מיידל, איך גיי אויף לעבן דיר — אַ לאַנג פאַרגאַנגענע זון.

וואָס איז נאָך ווי דו און ווי ישעיהס חלום שיין,
אויב ניט מיין פאָלק — אַ קינדישער פאַרטאָג דורך גרויל פון דורות.
מיר פאָרן אויף בייסיקלס דורך ענדלאָזע מדבריות.
וואָס איז נאָך ווי דו און ווי ישעיהס חלום שיין,
אויב ניט מיין פאָלק דורך נאַכט, דורך טרוים און שאַקאַל־געוויין,
געפּלאָגט פון ווילדע עמלקים, געיאָגט פון זאמד־שטורעמס.
וואָס איז נאָך ווי דו און ווי ישעיהס חלום שיין,
אויב ניט מיין פאָלק — אַ קינדישער פאַרטאָג דורך גרויל פון דורות.

איך זע מיין פֿאָלק — מיין יונג, מיין אוראַלט פֿאָלק,
איבער פעלדזן גליטשיקע מיט זיכערע טריט.
אַלטע וועלף האָבן שוין אין פעלדז די ציין צעקריצט.
עס שפּאַנט מיין פֿאָלק — מיין יונג, מיין אוראַלט פֿאָלק.
איין פאַרבלאָנדזשעטער טראָט, איין שטאַרער בליק —
און פון ישעיהס חלום בלייבט קיין זכר ניט,
נאָר אייביק איז מיין יונג, מיין אוראַלט פֿאָלק,
און איבער פעלדזן גליטשיקע — זיכער די טריט.

איך זע דיך אין מזרח, מיידל — אַ האָפערדיקער מאָרגן.
מיר פאָרן אויף בייסיקלם דורך פעלדז, דורך וואַלד, טרוים איין, טרוים אוים.
אויף אַ בייסיקל — אַ פייער־ראָד, פאָרט די זון איצט אַרוים.
לאָמיר פאָרן טייערע ביז דעם האָפערדיקסטן מאָרגן.
היי, בייסיקל לויף, אַנטלויף אין יענעם פריידיקן דור.
אַ, ביסט דורך חוצפּהדיקע דערנער — די באַשיידענע רויז.
איך זע דיך אין מזרח, מיידל — אַ האָפערדיקער מאָרגן.
מיר פאָרן אויף בייסיקלם דורך פעלדז, דורך וואַלד, טרוים איין, טרוים אוים.

2

פאַרנאַכט

אַ, דער בייסיקל, מיין ליד און דו מיט זיבן כיינען.
די וואָך רוישט, ווי אַן איילנדיקער קוואַל מיט פּראָסטע רייד.
אַ דור פון מעינקעס און כייקעס גייט אויף פון אונדזער פרייד.
מיר פאָרן אויף בייסיקלם דורך דיינע זיבן כיינען.
דער יאָנטעוו איז לויטער ווי גאָט, ווי ליד, ווי דו אַליין.
דאָס פשוטסטע וואָרט — מאַמע, איז רירנדיק ביז געוויין.
אַ, דער בייסיקל, מיין ליד און דו מיט זיבן כיינען.
די וואָך רוישט, ווי אַן איילנדיקער קוואַל מיט פּראָסטע רייד.

מיין מאמעס גוטסקייט קוועלט ארויס פון דיינע קלוגע אויגן.
ס'גייט דער אוונט אוים אין תפילה, אין יאמער און אין פלאם.
א ווינטעלע שעפטשעט לעצטע ווערטער פון מיין מאמען.
מיין מאמעס גוטסקייט קוועלט ארויס פון דיינע קלוגע אויגן.
איר לעבן איז ווי א פויגל דורך א חלום פארפלויגן.
דער טאג שלאפט איין מיט דעם אייביקן שלאף פון מיין מאמען.
מיין מאמעס גוטסקייט קוועלט ארויס פון דיינע קלוגע אויגן.
ס'גייט דער אוונט אוים אין תפילה, אין יאמער און אין פלאם.

ווײ, ווער האט פארשטומט דעם נביאס קאכעדיקע קללה ?
ירמיהו קלאגט אזוי עלנט פון גרוב ארויס, הער :
— ווער וועט פירן אן אקער דורך דער פארשאלטענער ערד ?
ווײ, ווער האט פארשטומט דעם נביאס קאכעדיקע קללה ?
וויפל שאקאלן, אזויפיל וואגל, וויינט און יאמער,
איז מיין פאלק דורך די פיר טויזנט הארבסטן געוועזן באשערט.
ווײ, ווער האט פארשטומט דעם נביאס קאכעדיקע קללה ?
ירמיהו קלאגט אזוי עלנט פון גרוב ארויס, הער.

ווייל שליסלען זיינען דא, זיינען די שלעסער פארמאכט.
ווייל זלידנע פליגן זיינען דא, לעבן נאך די שפינען.
וויפל געבעטן אין דער פליג, אזויפל זעט אין דער שפין.
היי, בייסיקל, פון שליסלען אנטלויף, פון שלעסער פארמאכטע !
ווייל דער קברן איז נאך דא, איז די שלאנג אזוי וואך.
ווייל תליות זיינען דא — ווערגט דער חושך דעם באגינען.
ווייל שליסלען זיינען דא, זיינען די שלעסער פארמאכט.
היי, בייסיקל, פון שליסלען אנטלויף, פון שלעסער פארמאכטע !

אָ, רייך בין איך מיט אַזויפל גילדענע פאַרטאָגן,
ווי רייך איך בין מיט טרויער פון לאַנגע, לאַנגע נעכט.
לאָמיר שליידערן זון דורך די בלינדע, קראַנקע נעכט.
מיר פאָרן אויף בייסיקלס צו דעם גילדענעם פאַרטאָג.
אין קראַמף, אַ לעצטער שטראַל, ווײַל דעם זיגער — חושך, זאָגן,
אַז ליכט וועט שטענדיק געווינען דעם סוף פון געפעכט.
אָ. רייך בין איך מיט אַזויפל גילדענע פאַרטאָגן,
ווי רייך איך בין מיט טרויער פון לאַנגע, לאַנגע נעכט.

אָ, וויפל געבורט אין די שאָטנס פון אַ פרילינגדיקער נאַכט?
לילית פרעגט: וואָס איז הייליקער פון זינד?
מיט ערשטן פלאַפל שטאַמלט יענע זינד.
אָ, וויפל געבורט אין די שאָטנס פון אַ פרילינגדיקער נאַכט?
ווי אַ זונאויפגאַנג קעגן בערג פון חושך איז ס'האַרץ אַזוי וואַך.
צייט איז שטענדיק ניי, ווי אַן אייביק קינד.
אָ, וויפל געבורט אין די שאָטנס פון אַ פרילינגדיקער נאַכט?
לילית פרעגט: וואָס איז הייליקער פון זינד?

איצט, איצטער, אַצינד איז אונדזער ריי צו לעבן.
אַזויפל דורות הינטער אונדז, אַזויפל דורות אַנטקעגן.
אָ, גוט איז אויך דער בלענד פון אָוונט, לעם בית־עולמדיקן שטעג.
איצט, איצטער, אַצינד איז אונדזער ריי צו לעבן.
גוט איז אויך אַ רגע דעם פלאַטערל שוועבן.
שלעכט איז זיין אַן עלנט וואַסערל פאַרשטויסן פון די ברעגן.
איצט, איצטער, אַצינד איז אונדזער ריי צו לעבן.
אַזויפל דורות הינטער אונדז, אַזויפל דורות אַנטקעגן.

אַ, איינציקע כייקע, מיידל מיינס:
אַ רגע מיט דיר — אַ גאַנצער פרילינג.
די עלטסטע אוראַלט, ווי דו אַזוי יונג.
אַ, פירט אונדז, פאַרפירט אונדז בייסיקלס.
די נאַכט צינדט אַזאַ לויטערע פיין —
אַזאַ לילית-נאַכט — אַ כישוף-רינג.
אַ, ליכטיקע כייקע, מיידל מיינס:
אַ רגע מיט דיר — אַ גאַנצער פרילינג.

3
יידעשע ווייבען

בייסיקל, היי, בייסיקל, לאָמיר פאָרן,
ביז אינעם אויסגעקלערטן לאַנד אַריין,
ביז ס'ווערט הבלם אויסגעלאַכטע טענה,
דער „עמוד-אש" דורך דעם גאַנג פון די יאָרן.
דורך די וויטסטע אַמאָלן לאָמיר פאָרן,
ביז בלייבן וועט נאָר בראשית — ערשטע שיין.
בייסיקל, היי, בייסיקל, לאָמיר פאָרן,
ביז אינעם אויסגעקלערטן לאַנד אַריין.

היי, בייסיקל יאָג, פאַריאָג דעם אַלטן היינט.
ס'האָט דער היינט אַיעדן געלעכטער שיר פאַרשטומט.
מיר זאָלן מיידל מיינס, אוי, היינט ניט אומקומען.
היי, בייסיקל יאָג, דעריאָג דעם נייעם היינט:
וואו דער נעכטן און דער מאָרגן זיינען אויך היינט —
אַ פאַרגאַנגענער טאָג איז אַ זעלטענע בלום.
אַזויפל היינט, אַזויפל היינט, אַזויפל היינט.
ס'האָט דער היינט אַיעדן געלעכטער שיר פאַרשטומט.

דער פשוטער חלום

אין אַ חלום פון אַמאָל האָב איך דעם נייעם היינט דערזען,
און שיכור איז דער היינט מיט אַזויפל זיידעשע ווײַנען,
אַז אויב קיין טאָג וואָלט ניט געווען, וואָלט דער מענטש אַליין געשיינט.
אין אַ חלום פון אַמאָל האָב איך דעם נייעם היינט דערזען,
אַז אויב קיין זון וואָלט ניט געווען, וואָלטן בלינדע געזען,
און ס'וואָלטן די טויבע געהערט, ווען ס'וואָלט קיין קלאַנג ניט זיין.
אַן געוויין פון אַמאָל וואָלט דאָס געזאַנג פון היינט ניט געווען,
און שיכור איז דער היינט מיט אַזויפל זיידעשע ווײַנען.

אָן דערנער וואָלטן מסתם ניט געווען קיין בלומען.
אָן פיין פון געבוירן, ווי וואָלטן העל פאַרטאָגן זיין ?
אָן אַזאַ לאַנגע נאַכט, ווי וואָלט געווען אַן ערשטע שיין ?
אָן בייסיקל, ווי וואָלט איך אין לאַנד פון חלום קומען ?
אָן דעם טויט, וואָלט דאָס לעבן, ווי פאַר בראשית געשטומט.
אָן פאַרצייטן, וואו וואָלטן מיר גענומען מאָדערנעם ווײַן ?
אָן דערנער וואָלטן מסתם ניט געווען קיין בלומען.
אָן פיין פון געבוירן, ווי וואָלטן העל פאַרטאָגן זיין ?

פון פאַרקלערטן אוראַלט בלייבט קיינמאָל ניט קיין שימל.
דער אוראַלט איז ביים תלמוד — אַ שיינער עלטער-זיידע.
מיידל מיינס, אַ שטראַל פון אַמאָל איז גענוג פאַר ביידן.
פון פאַרקלערטן אוראַלט בלייבט קיינמאָל ניט קיין שימל.
דער אוראַלט איז אין פעלד — אַ בלוי פאַרליבטער הימל.
אין יעדן שאָטן אַרום אונדז הער דעם אַמאָל רעדן.
פון פאַרקלערטן אוראַלט בלייבט קיינמאָל ניט קיין שימל.
דער אוראַלט איז ביים תלמוד — אַ שיינער עלטער-זיידע.

מיר זיינען אייביק, ווייל אייביק לעבט דאָס לעבן.
ס'איז ניט אמת, ס'איז גאָר קיין טויט ניטאָ.
ס'איז דאָ אזאַ העלע, אייביקע שעה.
מיר זיינען אייביק, ווייל אייביק לעבט דאָס לעבן.
אַ רגע האָט אונדז הונדערט יאָר פרייד צו געבן.
נאָך אונדזער טויט איז אויך קיין טויט ניטאָ.
מיר זיינען אייביק, ווייל אייביק לעבט דאָס לעבן.
ס'איז ניט אמת, ס'איז גאָר קיין טויט ניטאָ.

וואָס איז עלטער פון עלטסטן ווייַן ?
וואָס איז העלער פון ערשטן שטראַל,
ווען די לאַנגע נאַכט פאַלט און פאַלט ?
וואָס איז עלטער פון עלטסטן ווייַן ?
כ'ווייס : פרילינג איז דער עלטסטער ווייַן.
ס'האַרץ איז העלער פון ערשטן שטראַל.
דו ביסט פון פרילינג יעדער ווייַן,
דורך יעדן סוף — אַן ערשטער שטראַל.

בייסיקל, היי, בייסיקל לאָמיר פאָרן,
ביז אינעם אויסגעקלערטן לאַנד אַריין,
ביז ס'ווערט הבלים אויסגעלאַכטע טענה,
דער עמוד־אש דורך דעם גאַנג פון די יאָרן.
דורך די ווייטסטע אַמאָלן לאָמיר פאָרן,
ביז בלייבן וועט נאָר בראשית — ערשטע שייַן.
מיידל מיינס, היי, מיידל מיינס, לאָמיר פאָרן,
ביז אינעם אויסגעקלערטן לאַנד אַריין.

יידיש-קודש

אַ געזעגנונג צו כייקען

יידיש מיידל — מיכאַלישקער כייקע,
מיט טויזנט יאָריקן יחוס פון מאַמעדיקן יידיש־קודש:
פּראָסט און שטראָמיק, ווי אַ ליטוויש טייכל איז דיין נאָמען.
איך האָב אַ לעבן לאַנג געצערטלט דיין באַשיידענעם חן.
איך האָב אַ לעבן לאַנג געקושט דיין יעדע וואונד.

איז מיר גרינג אַזוי צו וויסן,
וויפל גלויבן אין ערשטן גלי פון פאַרטאָג איז פאַראַנען:
איין בליק אויף דיר און איך וויים —
אַזויפל וואַנדער אין דיינע יידישע אויגן.

איז מיר גרינג אַזוי צו וויסן,
וויפל שיכרות קען אין איין מאַיאיקער רגע זיין:
אַן איינציקער באַריר און איך וויים —
אַזויפל פרוילעכער צויבער איז דאָ אין רעגנבויגן.

איז מיר גרינג אַזוי צו וויסן,
ווי ס׳קען דאָס הארץ טראָגן אַזויפל יאָנטעוודיקע שיין:
אַ שעה מיט דיר און איך וויים —
אַזוי גרינג איז די אייביקייט פון ברעג ביז ברעג דורכשפּאַנען.

יידיש מיידל — בענקענדיקע כייקע:
זע,
אַ רויז וויל אין ווייטסטן וואַלקנדל זיך פאַרליבן,
נאָר דאָס גיכע וואַלקנדל איילט וואו אַוועק
און די רויז בלייבט וואונדיק, אָפּגענאַרט.
זע,
מיט וויפל לעבן איז אָנגעגאָסן די געדולדיקע ערד?
וויפל וויניקע זאַפטן פון דעם פולן סוף־זומער רינען?
מיט וויפל מזל־ברכה איבערגעלאָדן,
בויגט זיך יעדער צווייג פון געשמאַקן עפּל־סאָד?
זע,
נאָר פון שטאַרקן, פאַרוואָרצלטן שטאַם קען רייף דער עפּל ווערן.

מיין קינדהייט פון מאָביקע, הדרדיקע געסעלעך,
מיט שבתדיקע מלאָכימלעך אין יעדן וואָכעדיקן חלום,
האָב איך דורך דיר צעצווייט, ווי אַ זעלטענע קווייט,

כאָטש געשטאַנען איז דיין וויג דאָ,
אין דער פאַרשטיינערטער וויזיע: ניו־יאָרק.
פאַר דיר —
פאַרזיי איך איצט די דופטיקע שורות, ווי פרישע, אויסגעגלעטע
בייטן.
ביי דיין יעדן טראָט, ביי דיין יעדן גליד,
ווי פאַר אַ פּלוצלונגדיקן וואונדער בלייב איך שטיין:
גאָט, מיט אַזויפל קלאָרער בענקשאַפט רופן אייביק אונדז די
שטערן.

יידיש מיידל — לויטערע כייקע:
צו דיר מיין רוישנדיקע אומרו, צו דיר מיין צאַרטסטע ליד.
פון דער בלינדער טיף געזוניקט האָט מיין ליבשאַפט צו דיר,
און איצט —
מיט דעם טאָגנדיקן פייער דורכגענומען,
גלי איך אוים פון זיך און פון דער וועלט —
די העסלעכסטע וואונד, די שוואַרצסטע זינד.
אָ, זאָל נאָר אין אָט דעם דור פון אומקום ניט פאַרגיין,
גאָר מיין יינגלשע פרייד, גאָר מיין בענטשנדיק געזאַנג צו דיר.

מיכאַלישעק

מיכאַלישעק — שטעטעלע מיינס פון דער אָרעמער ליטע,
וואו דער ווינט פלעגט לעגענדעס פון מדרש דערציילן;
וואו יעדעס יינגל — פון אַ מעשהלע אַ ריטער,
פלעגט פירן זיין בת-מלכה דורך פאַרכשופטע היילן.

מיכאַלישעק, דורך דיינע נעכט האָב איך געזען,
ווי עס טייטשן גמרא אפילו פאַרקלערטע שטערן.
אַ, איך בין דיין הונגעריקסטער מתמיד געווען,
דערפאַר פלעג איך אין חלום מלאכים-שירה הערן.

מיכאַלישעק — שטעטעלע מיינס פון דער אָרעמער ליטע.
אויף מיין יעדן גליד שמאַרצן דיינע וואונדן.
דורך מיר גייט אוים דיין הארץ, צעמעסערט פונעם פיינט.
דורך מיר לויערט גאָר דיין יאָמער, גאָר דיין אומקום.

מען זעט אַמאָל די וועלט ביים ראַנד פון זונפאַרגאַנג:
אין אָט דער זינקענדיקער שעה טוט אַ וואַקל זיך די זון,
ווי ס'וואָלטן די קרומע שאָטנס פון אונטערגאַנג,
איבער דעם קלוגן ליכט פון דורות זיגן.

שטאַרק איז די פינצטערניש, אין אַ שטאָק-בלינדער נאַכט,
און ווייל מען זעט קיין סימן ניט פון קיין שטראַל,
דאַכט אַז אייביק איז די גרוילנדיקע נאַכט,
דאַכט אַז ס'וועט דער חושך קיינמאָל שוין ניט פאַלן.

מיכאַלישעק — צעדייטשט, צעבייטשט שטעטעלע מיינס:
דער זיג פון דייטש און מאָרד וועט קיינמאָל קיין זיג ניט זיין,
און וועט פון דער זון קיין איינציקן טראָט קיינמאָל ניט פאַרהאַלטן.
מיט אַלע ביינער פון מאַמע-לשון, וועלן דיך נאָך קינדערלעך
צעשיינען.

אַ וויג ליד אַזאַ

איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
ס׳האָט דער דייטש דיין טאַטן אייביקן חושך אויסדערוויילט
און צוגענומען האָט ער דעם לעצטן שטראַל פון דיין וויג,
איז דאָ געבליבן נאָר דער שאָטן פון שבעה און פון קריעה.
איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

דער דייטש האָט דעם פרילינג פון די קווייטן אויסגעפליקט,
און געבליבן איז יעדער זינגענדיקער בוים — אַ שטומע תליה.
דער דייטש האָט מיט ווערגנדיקע הענט די זון אַליין דערשטיקט
און געבליבן איז אַ פּראָסטיקער קבר — די גאַנצע ערד.
איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

דער דייטש איז אַ זאַטע קראַ וואָס קראַקעט: זיג!
און געבליבן איז זיין קראַ־קראַ דאָס איינציקע ליד:
„קראַ־קראַ, איך בין שיין!
איך בין שיין קראַ־קראַ!
שיין איז דאָס בלאָנד פון אַ וואונד צעגליט.
שיין קען די רויז אויף אַ קבר בליען.

„קראַ־קראַ איך בין געזונט —
קראַ־קראַ!
געזונט איז נאָר אַלץ וואָס דער טויט האָט געהיילט.
געזונט קען דער וואָרעם צום מת זיך ציען,
קראַ־קראַ איך בין געזונט —
קראַ־קראַ!

„קראַ־קראַ איך בין גערעכט.
איך בין גערעכט קראַ־קראַ.
מיין שווערד איז פון גערעכטיקייט אַליין גערעכטער:
גערעכט איז אַ לעצטע שעה אין אַ טויטן־צעל.
גערעכט איז אין צעצוויטן פעלד — די דאַרנדיקע תליה,
גערעכט איז די קללה וואָס פאָלגט מיין אַלמעכטיקן באַפעל,

און די קויל וואָס רייסט דאָס האַרץ אויף איז פון אַלעמען
גערעכטער".

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
דיין שאַרך צעשאַרט אַ ביינערדיקע מורא,
און מורא האָב איך אַפילו פאַר אַ פראָסטן גאַסן־בוים,
ס'זאָל חלילה באַלד אַ סטראַשידלע אַ הוילע ניט ווערן.
און מורא האָב איך אַפילו אויסצוקלערן דיר אַ טרוים,
ס'זאָל חלילה ניט דערהערן — אַ האַרכנדיקער שטיין,
און ווערן קען אַ מסור, אַפילו אַן אויגיקער שטערן.

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
איבער דיר מלאכימלעך שוועבן,
און בעטן דיך גוט זיין,
און בעטן דיך ש—אַ זיין,
ש־ש־ש ש־ש ש־ - -
ס'זאָל חלילה ניט דערמאָנען דיין געוויין,
אַז ערגעץ לעשט זיך אַ בלאָנדזשנדיק פונק לעבן:
איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

אוי, כייקע — אוי, שטעטעלע מיינס

1

אוי, שטעטעלע מיינס, אוי, באַרוועסע קינדהייט מיינע,
איך האָב אין חלום געזוכט דיינע געסעלעך, די קרומע.
דורך אַ חורבה האָט נאָך געטליעט אַ קראַנקע שיין,
דורך אונדזער גאָרטן האָט נאָך געשראָקן אַן אַשיקע בלום.

אומזיסט האָב איך געזוכט דורך דיר אַ בלאַט פון לעבן.
דער צווייטער מבול האָט פאַרפלייצט אויך נוחן מיט זיין טויב.
אַנשטאָט קינדער האָבן קראָען פריילעכע געשוועבט,
אַנשטאָט יידן האָבן שמות געפלאָטערט צו גאָט אַ לויב.

אין „חזיר געסל" איז נאָר כייקע, צווישן טויטע,
איין אַליין געבליבן — אַ מיראַזש: אַן אויסגעקלערטע פרוי.
נאַכט נאָך נאַכט ציילט זי די שטערן, ציילט זי די טויטע
און שילט דעם הימל וואָס ער הערט נאָך אַלץ ניט אויף צו בלויען:

אַ הויפן אַש דערמאָנט אַ פּנים אַ באַקאַנטן.
מיכאַלישעק אויף אַ כמאַרע — אַ בלאָנדזשנדיק לאַנד.

2

כייקע — צווישן חורבות

אוי, מיכאַלישעק, איך באַוויין דיך בלינד, אָן אַ טרער.
דיין קללה אויף מיר וואָס איך זע דיך פונעם פיינט צעטראָטן.
דיין קללה אויף גאָט וואָס האָט דיין קלאָגן ניט דערהערט.
קום, מיין ליבער, זאָל כאָטש אין זעאונג שאַרן זיך דיין שאָטן.

אָ, קום, כ׳בין דיין באַשערטע אין לבנה־קליידער.
די ווילי‏ע פלעכט מיר פון געשטאַלטן טויטע — וואַסער־צעפּ.
איך בין די טרייסט אויף קברים פון קינדער און זיידעס.
אוי, מיכאַלישעק, איך וועל מיט דיר צו די שטערן אַוועק.

ביי די שטערן וועל איך באַגעגענען מיין חתן.
איך זע אים בענקען דורך די דורות — אַ פאַרליבטער ריטער,
פון קוואַלן פון אַ ווייטן פרילינג אויסגעגאָסן.
אָ, קום, מיין געטרייער — אַ גיבור פון אַלטע געוויטערס —

און ווי יהושוע אין גבעון, די זון שטעל אָפּ,
אַז פאַלן זאָל היינט דער אמורי, ביז לעצטן קאָפּ.

3

קום, מיין ליבער

מיין ליבער, אַלץ וואָס איז געוועזן אין מיר לעבן,
וועסטו אין אַ צווייט פון ווייניקע סעדער דערקענען.
באַהעפטן וועט אונדזביידן — אַ זומערדיק געוועב.
אַלץ וואָס ס'איז געווען אין דיר נאַכט, וועט מיין ליבשאַפט
פאַרברענען.

אָ, דיך קען דער לאַסט פון קבר קיינמאָל ניט בויגן —
ביסט אליהום וואונדער, אַ הויפן מעשהלעך אין ווינט.
קום מיין ליבער מיט שמשונס גבורה אין די אויגן,
אָ, קום אַן ערשטן שטראַל דורך סוף פון זונען צינדן.

קום, איך זע מיין פאָלק אַ ליכטיקן גורל שרייבן,
נאָר איצט זאָל מיך דער חורבן פון דער העלער הויט צעוואַרפן,
זאָלסט מיינע גלידער, ווי ישראלס פערל קלייבן,
און ווערן זאָל מיין געביין, געטרייער, אַן אייביקע האַרף.

אָ, העל, ווי מיין ליבער וועט נאָך ווערן דער קאָרטשנדיקער היינט.
וויפל זאַמד ביים ברעג פון ים, אַזויפל שיין וועט מיין פאָלק
נאָך זיין.

יידיש — מיין ליד, כייקע — מיין גאָלד

1

און ווער עס האָט ווי דאָס לעבן אליין,
ווי מיין פאָלק, מיין פּראָסט מאַמע־לשון האָלט,
דעם איז דיין נאָמען, מיידל, שיין, אַ, שיין.
אַ כייקע — מיין ליד, כייקעלע — מיין גאָלד.

הער: ס'קייקלט אראָפּ — אַ באַרגיקער שטראָם,
דיין פּשטות און דיין חן, אין פרילינג־טאָל.
הער: עס צערטלט און שעפּטשעט דיין נאָמען,
פון אַ פאַרליבטנס רוף — דאָס ווידער־קול.

דעם תליונס האַנט מיט פאַכנדיקער רוט,
האָט צעבייטשט יעדן אות פון דיין נאָמען.
דו ווייסט דעם טעם פון בלאָטע און פון בלוט.
פון פייער און פון פעלדז איז דיין נאָמען.

אַ, כייקע — מיין ליד, כייקעלע מיין גאָלד,
ווי פּראָסט מאַמע־לשון האָב איך דיך האָלט.

2

אַ, כייקע — יידיש, יידיש — מיין ליד, יידיש — מיין גאָלד.
דיין וואָרט איז שטעכיק פון „אייגענעם" און פון פרעמדן שפּאָט,
כאָטש בוי פון די אותיות — אַ דאָרנדיקע וואַנט.
יעדער אות איז אויסגעקושט פון מיין מאַמען און פון גאָט.

דיין קללה קאָכט מיט גאַל פון אַן אויסגעלאָכטער טרער.
דיין ברכה — יעקבס לייטער, אַ מעשהלע פון אַמאָל.
מלאָכים טראָגן דיך אראָפּ און אַרויף צו די שטערן.
ביסט מיין שטעג אין שוואַרצער שעה, גריג ווי דו,
מיין שווערסטער עול.

אַ, כייקע — יידיש, יידיש — מיין ליד, יידיש — מיין גאָלד.
דיין יעדער אות איז קעגן פיינט ווי אַ שטיין געפלויגן.
(היי, זויערער עסטעט, היי, כניאַק מיט קלאַנג געגאָלטן,
איך זע דעם זעלביקן חוזק אין רוצחס אויגן.)

כייקע — יידיש, פאַרליבט גיי איך דורך האָגל און ווינט,
ווי ס'וואָלט דער ערשטער ציטער פון פאַרטאָג מיך שטענדיק
צינדן.

3

אַ, כּייקע — ייִדיש: איך שרייב מיין ליד צו דיר
און ס'איז מיין אויג אַזוי וואַך, מיין האַרץ אַזוי קלאָר;
איך דריק אַ ווייטע האַנט דורך פאַרקלערט פּאַפּיר,
זע: אַ ייִד לייענט מיין בוך איבער הונדערט יאָר.

ער לייענט אַ מעשׂה ביכל פון מיין דור, —
און ייִדיש ניט קיין בת-מלכּה אַ פאַרטרערטע,
ייִדיש אויף זיין צונג — אַ צוויבערדיקע וואָר,
פירט אים דורך לידער, דורך קבֿרים און דורך שטערן.

און ס'בלייבט דער ייִד ביי מיין פינצטערער ווידוי,
אונטער שרעק פון מיין וואָרט אין דרייען געבויגן.
איבער מיר און מיין דור — פאַרשטיינערטער גליוער,
אַרום אים — די וועלט, אַ נאָענטער רעגנבויגן.

און איך — אַ פאַרליבטער, וועל לויכטן פון שטויב,
און דיך זוניקן, לייטערן, דערהויבן.

4

אַ, כּייקע — ייִדיש, ייִדיש — מיין ליד, ייִדיש — מיין גאָלד,
אַז מיינע שטעטעלעך — מיכאַלישעק, סווינציאַן,
שטאַרצן פּוסט אַזוי — פון גאָט, בלום און מענטש פאַרשאָלטן,
איז זייער ליכטיקייט אין דיר איצט פאַראַנען.

אַן ערשטע שיין וועט פון נאָרעם די שרצים טרייבן.
וואו אַ וואָרעם וועט אַ פויגל אַ נעסט בויען.
ס'קען אַ קרומער שאָטן לאַנג קעגן זון ניט בלייבן.
דער מענטש וועט זיך משיחן אייביק טרויען.

דער ים פון בלוט און חושך רייסט זיך פון די ברעגן,
נאָר אויך די לענגסטע נאַכט, אַן אַ שטערן, שטאָק-בלינד,
וועט פאַר אונדזער „גוט-מאָרגן” שטענדיק זיך דערשרעקן.
אויף דעם אָרט פון דאָרן וועט נאָך לאַכן אַ קינד.

און לאַכן וועט הויך דאָס קינד אין אונדזער מאַמע-לשון,
דורך שטעטעלעך וואָס אַ נאַצישע האַנט האָט פאַרלאָשן.

5

און אויב ביי מיין טויט וועט זיין באַשערט מיר הערן,
פון דער רווישיקער גאַס — אַ יידיש, קינדיש פּלאַפּל,
וועט זיין מיין לעצטע רגע — אַן ערשטער שטערן,
אַן אייביק ליד דורך די פאַרלאַשענע שוואַרצאַפּלען.

און שעפּטשען וועל איך פריידיק, כּייקע, מיין ווידוי:
„אַ, אויב כ'האָב וועמען אַן איינציקן זונאויפגאַנג פאַרשוואַרצט;
און אויב כ'האָב וועמען מיט אַ שטעכיקן וואָרט, ברידער,
ווי מיט אַ דאָרן ערגעץ אַ רים געטאָן דאָס האַרץ:

„אַ, פאַרגיט מיר ברידער מיינע — גלידער מיינע,
שוועסטער מיינע, ליבסטע מיינע, פאַרגיט.
איך שווער ביי איך, ביי מיין ליד, ביי מיין רגע זיין —
יעדע זינד וועט בלייבן אויף מיין לייב — אַ קריעה־שניט".

איך זע אין גאָרטן פון שפּראַכן: יידיש — מיין געטאַ־בלום.
יידיש — אַ שפּרודלדיק טייכל פון געוויינען לאַנג־פאַרשטומטע.

6

דער מענטש וועט מיט גוף — דער ערד, מיט טרוים — דעם הימל
זיך געבן.
די פרייד וועט שענקען אויך דעם העלפאַנט—דעם גיגאַנטישן נאַר,
אויך דער אומעטיקער מילב — דאָס גרויע פינטעלע לעבן.
דער בוים פון נויט וועט אין אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם האַרבסט דאַרן.

דורך ווינטער נעכט, ביי די קושן פון שנייעלער, וועט לעם קאַמין,
דער זיידע יידיש פון אַמאָל־אַמאָל, פון אָרעם־רייך דערציילן.
ערגעץ וועט נאָך פוילן איבער זיין גאָלד, אַ טוכלער מענטש —
אַ שפּין.
אַ, גלייך און רייך וועט דער באַגינען גילדענעם חלום טיילן —

און גלייך וועט ער טיילן אַלץ און אַלעמען זיין ליכט און פרייד:
סיי דעם פוקס, דעם חכם פון די וועלדער, סיי דער נאַרישסטער הון,
סיי דער קאָקעטקע—דער רויז מיט טויאיקע פּערל אויף איר קלייד.
פאַר אַ ווערימל וועט אַ שטויב זיין אַ טישעלע אין דער זון.

יידן, מיר וועלן ווידער אָנהייבן פון אָדם: מודה אני.
יידן, מיר וועלן נאָך פלאַנצן דעם „בוים פון לעבן": מודה אני.

דער פשוטער חלום

חנוכה

איך זע אכט ליכטעלעך, ביי אַ לעצטער שויב
פון מיין חרוב שטעטעלע אַצינד.
אַט גיט אַ פלעמל פאַרמאַטערט אַ פאַל,
אַט גיט זיך אַ פלאַקער שטאַלץ אַ הייב.
די בלינדלעכע שויב בראַזגעט אין ווינט.

יעדעם ליכטל — אַ דערשראָקענער שטראַל
וואָס בויגט זיך, בעט זיך, קאַרטשעט זיך אין דרייען.
יעדעם ליכטל — אַ צאַנקענדיקע תפילה,
אַ יאַרטויזנט געוויין פון קיינעם ניט דערהערט:
אַן אויג פון אַ תחינהדיקער באָבע,
אַזש פון פאַרשאָלטענעם עמלק — צעביילט און אויסגעלאַכט.

מיין פאָלק, דיך איז באַשערט,
ווי אַט די ליכטעלעך אייביק לויכטן, אייביק טרוימען.
איינגאַנצן וואונד, ווען דו דעם רעוועדיקסטן מאַנסטער
איבערשרייען,
איינגאַנצן האָפענונג, ווען דו פאַרשטומען דעם קאָכעדיקסטן תהום.
דיין קלענסטער שטראַל וועט איבערלעבן די לענגסטע נאַכט.

ניט דעם תליונס ווערגנדיקער צאָרן,
ניט דער ווילדסטער שטורעם, האָט אייך ליכטעלעך פאַרלאָשן.
איר טרייסט, איר רופט, איר מאָנט פאַר די תליהדיקע יאָרן.
איר בייט די גרויזאַמסטע שעה אין אַ גיהנומדיקן פלאָם,
וואָס האַלט אין בראַנד דעם שונאס שוואַרצע זעאונגען פאַרשלאָסן.
איר צינדט די גבורה וואָס ברעכט די טויטנדיקסטע צאַמען.

איך זע אכט ליכטעלעך — אַכט שטערן פון אַ פאַרצייטיקער נאַכט,
ביי אַ לעצטער שויב פון מיין חרוב שטעטעלע אַצינד.
איך הער יהודה המכבי שאַלן דאָס ליד פון ייד:
— דורך אַלע תליות, דורך אַלע שייטערס, דורך אַלע טרעבלינקאַס,
איז חנה — חן און גלויבן דיין אייביקער פרילינג.
ער האַלט אַ לעמפעלע שיין, גאָר דעם חושך צו פאַרברענען.
ער ווייזט אַ בראַוון פויסט אַזאַ, אַ יהודהס פויסט
דער אויפגעביילטער,
מעסערט נאָך דעם רשע אַפאָלאָניוס מיט זיין אייגענער שווערד.

אָ, מתתיהו,
מיט דיר און דיינע פינף זין, זיינען מיר אַ פֿאָלק גיבורים.
מיט אייער ליכט, מיט אייער גבורה שפּאַנען מיר —
דורך פּעך און דייטש און שוועבל — אַנטקעגן זיג.
אָ, יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזר, יונתן —
מיר טראָגן ווי איר חנוכה־ליכטעלעך דורך דעצעמבער ווינטן.
מיר שווערן ווי איר, מיר שווערן:
בלייבן וועט אַנטיוכוס — אַ פֿאַרפֿוילטער נעכטן,
אונטער אַ מאַיאיקער, חשמונאים ערד.

וואַך אויף יהודה!
טו אַ שליידער די צעצאַרנטע טויזנטער יאָר!
פֿון מבול קען נאָר בלייבן דער גערעכטער מין.
עס שלאָגט דיין רוף דורך אונדזער יעדן קער:
צום זיג!
צום זיג!
הער:
דער זעלביקער אַנטיוכוס קראַכט ביים נייעם מאַקאַבייער דור.

אַ קללה דער איינזאַמקייט

אַ קללה דער איינזאַמקייט

פאַרשאָלטן זיי, אָ, איינזאַמקייט,
סיי אין גרויען צימערל,
סיי אויף ברייטע, וואַגאַבונדישע וועגן.
איך האָב דיך, אָ, איינזאַמקייט,
די פאַרבענקטסטע יאָרן מיינע —
אָנגעטרויט.

וויפל מאָל האָב איך,
ווייט פון מענטש, פון זון, פון וועלט,
מיט דיר, אָ, איינזאַמקייט פאַרשלאָסן זיך אַליין
און מיט דעם קראַנקן שאָטן פון אַ ליכטל דיך פאַרשפּילט,
כאָטש געבלענדט האָט ניו־יאָרק: אַ פעלדז אַזאַ פון טרוים
און ליכט.

איך האָב געזוכט אַ שפּור פון מיין חלום,
דורך די צינישע פייערן פון דער נאַכטיקער שטאָט,
איז אַ פאַרדעכטיקטער חושך געקומען מיר אַנטקעגן.
איך האָב געזוכט דעם זין פון פרייד, אין אומרו פון וואַנדער
און באַגעגנט בלאָנדזשנדיק, אַן אויסגעלאַכטן — גאָט.

איצט גיב איך אייך אָפּ אַלע מאַניענדיקע ליכטער,
פאַר אַ ליכטיק וואָרט וואָס קען דאָס טריבע האַרץ צעשיינען.
איצט גיב איך אייך אָפּ אַלע כיינען פון בלום און בוים און קוואַל,
פאַר אַ נאָענטן בליק פון אַן ערשט געקומענעם פריינט.
איך האָב געהערט אַ האַרף אַזאַ דורך אַלע דורות,
אין אַ לאַנג־געגאַרטער, דערוואַרטער מינוט, —
איצט גיב איך אייך אָפּ — בעטהאָוונס געטלעכע סימפאָניעס,
פאַר דער גוטער בשורה וואָס עס ברענגט אַן איבערראַשנדיק קול.

אַ נאַכט אין איינזאַמען וואַלד

לאַנג און טרויעריק איז די נאַכט דאָ אין איינזאַמען וואַלד.
איך וואָלט אַלע פייגל־געזאַנגען פאַר אַ פּראָסטן שמועס געגעבן.
אַזוי באַנג און מאָנאָטאָן זעגט דאָס געוויין פון גרילן,
כאַטש נעם און ברעך אַליין אוים אין געוויין:
גריל און גריל — גריל־גריל־גריל,
גריל און גריל — גריל־גריל־גריל.

איך ווער פון אייגענער אומרו, ווי פון בייטשן געטריבן:
זיי שטיל, מיין אומרו, זיי שטיל.
דאָס טייכעלע מורמלט נייע מעשהלעך פון פאַרצייטן:
ווי פון משותלכם צוואַנציק לעבנס איז טויזנט יאָר לאַנגווייל געבליבן;

אַז אָדם און חוה זיינען אַליין ארוים, קעגן גרויזאַמען משפּט פון אייביק לעבן;
אַז אין פאַרלאָזטן גן־עדן, קריכט נאָך אום די פריילעכע שלאַנג —
זיי שטיל, מיין אומרו, זיי שטיל.

איך הער אַ רעווען, ווי פון אַ געפּענטעטער חיה, אין איינזאַמען וואַלד.
אַ ווילד געשריי וויל אַ וויילינקע דעם אייביקן גרילן־כאָר פאַרשטומען,
נאָר ניט פייער, ניט מענטש, ניט שטורעם, קען פון עקשן — גרילץ אָן איינציקן טאָן בייטן:

גריל און גריל — גריל־גריל־גריל,
גריל און גריל — גריל־גריל־גריל.

לאַנג און טרויעריק איז די נאַכט דאָ אין איינזאַמען וואַלד.
די לבנה — אָן אורגראָע נודניצע,
ווערט גאָרניט מיד פון פוצן זיך אין תכריכימדיקן ליכט.
ערגעץ שרייט דורך דער פאַרבענקטער ווייט—אַ פאַרוואונדעטער פויגל.

אַ, איך וואָלט אַצינד צעשליידערט זיך אין שטיקער שטורעם,
און אין אַ געפּעכט אַזאַ — מיט בוים, מיט פעלדז, מיט חיה זיך שלאָגן.

— — — — — — — — — — —

א שטורעם אין וואַלד:
דער ווינט, ווי פון אַ מעכטיקער קללה געטריבן,
קען קיין רגע רו אין אַלע ערגעצן ניט געפינען.
פאַר דעם ווינט אַ רגע רו — איז אַ רגע טויט.
האָרך:
וויפל פעלקער דורך דעם ווינט אַזוי טרומייטעריש שאַלן?
וויפל פעלקער דורך דעם ווינט אַזוי פאַרגייענדיק קלאַגן?

דער ווינט ראַנגלט זיך מיט זיין גורל דעם פאַרשאָלטענעם:
דער זין פון ענדלאָזן געיעג איז זיך אַליין צו פאַריאָגן,
נאָר ס'האָט דער ווינט אַ גאַנצע אייביקייט געיאָגט זיך
און געיאָגט,
און זיך אַליין נאָך אַלץ ניט פאַריאָגט, —
איז אפשר האָט דער ווינט אַליין זיך פאַרמשפּט אייביק קלאָגן,
און האָט אַליין —
פון דער אָפענער ליבשאַפט — אין האַס זיך פאַרשלאָסן,
ווייל אים איז אַפילו דער שטאַם פון מינדסטן גרעזעלע
ניט באַשערט —
און דערפאַר —
שליידערט ער אַזוי זיין גבורה, יאָגט ער אַזוי זיין צאָרן.
דאָס אָרעמסטע ביימעלע מוז דאָס ערשטע קראַכן.
פון אַ צאַנקענדיק שטיבל האָט ער אַ ריס געטאָן דעם דאַך.
דער ווינט — אינגאַנצן רציחה, האָט זיך פאַרמאָסטן,
קעגן די ציטעריקע שטרויעלעך פון די פאַרהאָרעוועטע נעסטן,
און געלאָזן שטייפע פייגעלעך — פאַרשטומט, דערשטיקט.
איבער דעם וואַלד האָט אַ זיגערישער שטויב זיך צעטאַנצט.
דער שטאָלצער דעמב מוז אויף די געבראָכענע קני זיך שטעלן.
פון וואַלדיקן ריז האָט דער ווינט די דורות אויסגעפליקט.

— — — — — — — — — — —

ש—ט—י—ל.
דער וואַלד איז אין כאַיעשן שלאָף פאַרזונקען.
יעדער שאָטן איז אַ טרוימער — אַ נייגעריקער סוד.
דורך שיין פון מיין בליק שמייכלט די בלום און פילאָזאָפיש ווערט
דער בוים:
— אַ וואַלד אַ—ל—יי—ן איז מיט פחד ביז אומקום דורכגענומען.
און וויפל מאָל דער מענטש איז דאָ געווען,
און וויפל מאָל דער מענטש וועט דאָ נאָך זיין, —
אַזויפל מאָל איז דאָ דער טרוים געווען,
אַזויפל מאָל וועט דאָ דער טרוים נאָך זיין.

ש—ט—י—ל.
אָט בויגט זיך דער בוים אין אַ בלעטערדיקער תפילה:
„אוי, ווער האָט מיך פאַרמשפּט צו שטיין דאָ דורות לאַנג?
פאַרשילט מיך, גאָט —
איך זאָל כאָטש, ווי די שלאַנג פּויזען.
בענטש מיך, גאָט,
איך זאָל מיט די צווייגן, ווי אויף פליגל לויפן:
איבער בערג, איבער שטעט, איבער יאַמען פונעם וואַלד
אַנטלויפן —
צו דער עכטער ליבשאַפט פון אַן איינציקן מענטשן",
נאָר גאָט ענטפערט ניט אין אַזאַ לאַנגער, טרויעריקער נאַכט.

די „באָבע"

די „באָבע" איז אַ מענטשעלע מיט גאָלד אַ בייטל געווען.
געווען איז אַפּילו זיין גלאַנציקסטער חלום — האַלב בויך,
האַלב פּליך,
און בייכיק אַזוי האָט אַפּילו דער קינדישער הימל אים אויסגעזען,
אַז ער האָט אַמאָל מיין שלאַנק ליד דערזען,
האָט ער אויף אַלע פיר גענומען קריכן.

און מיט אים האָסטו סיי גאָר די נעכט פון האַרבסטן בלינדע,
סיי גאָר די העלע נעכט פון צוואַנציק גילדענע זומערס,
אונטער איין קרעמערישן דאַך — דיין ליכטיקן גוף פאַרשוועכט,
און געבליבן איז אַן אייביקער שותפות — דיינע קינדער.

און אַז ס'האָט די באָבע אַ רעווע אַ בוהייאישן געגעבן
און אַ פּאַך געטאָן מיט אויגן — צוויי קריצנדיקע מעסערס,
גרייט צום שעכטן,
איז קוים פון דיר געבליבן — אַן איינציקער אָטעם לעבן,
איז קוים פון דיר געבליבן — אַ פּעקל שרעק און טרערן.
און ס'האָבן קראַנק אַ בלענד געטאָן פאַרשפּילטע יאָרן,
און ס'האָבן מיט דיר אַ פאַל געטאָן:
פונטיקע בראַסלעטן — גווידערדיקע זונען,
פלירטנדיקע רינגען — חוצפּהדיקע שטערן.
אויף דער גרויער, פילאַדעלפיער גאַס — אַ צעשפּליטערטער
רעגנבויגן.
אין גאָלד און אין בלוט איז צעפאַלן אַ לעבן: אַ פאַרקויפטער
נעכטן.
פון דער פילאַדעלפיער פּרינצעסן איז אַ גופלאָזער שד געוואָרן.

און אַז די באָבע, ווי אַ זאַטע ראַץ, אין זיין נאָרע איז פאַרשוואונדן,
האָב איך דיך — אַ רויע, קריכנדיקע וואונד געפונען.
דער מאַי — אונטער דער באָבעס קלעצערדיקע פיס צעטראָטן.
אין די פאַרלאָשענע אויגן — בריענדיקע בראַנדן אָנגעצונדן.
די ברודיקע קאָלטנס, אין בלוט אויסגעצוואָגן.
דיין לייב, ווי אויף הפקר, האַלב הויל,
צווישן פּאָליציי, זונות און דאָקטוירים צעשאָטן.

א קללה דער איינזאַמקייט

איך האָב דיך אויף די הענט מיינע געטראָגן —
אַ צעביילטע, זינקענדיקע זעאונג,
און פאַרגייענדיק אַזוי האָב איך געהערט דיך וויינען,
ווי ס'וואָלטן מיינע אורזיידעס, די קעפּ מיט אַש באַדעקט,
ביי אַ פּלוצלונגדיקער גזירה זיך צעקלאָגן.
און איך איבער יעדן בייל, יעדן צער געבויגן,
האָב לאַנג, עקשנותדיק דעם פאַרטאָג געוועקט,
און איבער דעם חושך — אַן ערשטער שטראַל,
האָט געענדיקט מיין ליד אַזוי:
— עטל,
פונדיינעטוועגן פאַרגייען איצט די פאַלשע שטערן.
וויפל אַמאָל אין אַן איינציקער טרער,
אַזויפל היינט אינעם חן פון אַ פרוי:
און מיינער איז דער היינט, און דיינער — דער ערשטער שטראַל.

פריינט

אַ, מיט פריינט צוזאַמען טוט דאָס האַרץ פאַר פרייד אַזש ווײ.
וויפל וואונדער איבער וואונדער אין אַ פשוטן האַנט-דרוק.
אַ מענטשלעך וואָרט שפּילט שענער פון אַלע רירנדיקסטע פליטן.
דאָס האַרץ איז זומערדיקער פונעם זומער אַליין.
אַ חלום איז דופּטיקער פון אַלע בלומען-בייטן.

פאַרנאַכט, נאָך גרויער מי,
אַ, וואָס איז ליכטיקער פון אַ מענטשלעך שמייכל?
אַזאַ ליבער צער נאָגט דאָס בלוט — ביי די לעצטע פייערן
פון אָוונט.
די זון שטאַרבט זינגענדיק שירה צו דעם מענטשן.
— אַ, מענטש,
נעם מיך ווי אַ צויבער-האַרף און שפּיל אויס אויף מיר דיין
אייביק לעבן.

גוט איז אַזוי מיט רגעס גרינגע דעם איינגעשפּאַרטן יאָך
צו פאַרטרייבן.
אַ, בענקשאַפט זוניקע, גלי אויס פון אונדז דעם ברודנעם האַס.
גוט איז אַזוי, ביים געגרייטן טיש אַ שעה אַ לויטערע בלייבן.
פריינט מיינע, ברידער מיינע — חלומות מיינע,
אַז יעדער פון אונדז איז אין העלסטן טרוים פאַרליבט,
ווער קען פון אונדז פאַרליבטער זיין?
אונדזערע איז די ליבע וואָס קען דעם שוואַרצן מזל צעשיינען.
אונדזערע איז די ליבע וואָס קען די גרויזאַמסטע נעכט צעטאָגן.

אַ, מיט פריינט צוזאַמען ווערט די ווייטסטע לעגענדע —
אַ פריינט, אַ נאָענטער.
פון אַלע אורזאַלטן רייסט זיך גאָט: דעם מענטש, דעם איינציקן
באַשאַפער בענטשן.
נאַכטיקע טורעמס — גיבורים אַזוינע, שטייגן מיט חכמה
פון דורות אויסגעשטערנט.
די פענצטער זיינען העלע טרעפּ — צו אַן ענדלאָז לעבן.
אָט וויינט אַ גאַס — אַ וואַלד מיט פאַרשניטענע צווייגן.
אָט לאַכט אַ גאַס דורך גוואַלד פון שטאָל און מענטש.
די שטאָט רוישט, ווי ס'וואַלטן פון בערג, צעגאַנגענע ווינטערס
יאָגן,
מיט אומרו פון פאַלנדיקע וואַסערן — דעם ערשטן פרילינג
זיך אָפּצוגעבן.

א קללה דער איינזאמקייט:

היט דעם שונא

(וועגן שיינע רעדעס פון אלערליי שתאים)

ברידער, היט פון שונא יעדן ווענד און קער:
פון דער שלאנג וועט שוין ניט זיין קיין טויב.
ס'איז א שלאנג מיט פליגל פון א טויב.
דער חושך וועט דער זון קיין פריינט ניט ווערן.

ברידער, היט פון שונא יעדן ווענד און קער,
מעג ווי אן „עמוד־אש" צויבערן זיין ליכט —
ברידער, ס'איז פון פוילן האלץ דאס אומקום־ליכט,
וואס פארשטעלט זיך דורך די נעכט אין א שטערן.

ס'איז פון פארראט דאס ליכט — געל און קאלט און שטאר,
א בלענד וואס שפראצט פון גאלד א זאק ארויס,
ניט פון דעם ליכט וועט דער פארטאג ארויס,
מעג זיך עס דאכטן אין שעה פון געפארן.

א, ס'איז דער זעלביקער, ווערגנדיקער שונא,
וואס האט דעם טעם פון פרילינג אונדז פארווערט,
וואס האט אונטער דער זון, לעבן אונדז פארווערט.
ווי, ער בייט די טעג אין הארבן אזוינע.

ברידער, היט פון שונא יעדן ווענד און קער,
דערקען דעם דופט פון א גיפטיקער רויז —
כאטש מיט אלע פארבן כשופט זיין רויז,
ס'איז א רויז אויסגעוועבט פון דורות טרערן.

ברידער, לאמיר טיילן דאס הארץ אין צווייען,
א העלפט פאר ליבשאפט, א העלפט פאר האס.
דורך פייער פון גלויבן האדעווע דיין האס.
דיין ליבשאפט אויף גאר דער ערד פארזיי.

האס — נקמה, טויזנט נאצים פאר איין ייד.
א, מיר וועלן נאך נעמען פונעם פיינט נקמה!
יעדער בוים וועט ווערן א תליה פון נקמה!
יעדער פויגל וועט זינגען פון נקמה א ליד.

די רויטע אַרמיי אַרום בערלין

אָ, די רויטע אַרמיי — דער געשפּענסט פון זיג יאָגט דעם פיינט,
ווי ס'ווערט אַ פאַרשאָלטענע נאַכט געיאָגט פון ערשטע שטראַלן.
אָ, נאָך אַ יאָג און נאָך אַ יאָג — נאָך אַ פאַל און נאָך אַ פאַל.
וויפל וואונדן אין ענדלאָזן חושך, אַזוויפל קערנדלעך שיין.
מיט שווערד דורך נאַקן היטלערט נאָך בערלין — אַ צעטראָטענער פיינט.
עס ריטשעט נאָך דער שונא מיט לעצטן רינענדיקן גאַל.
אָ, די רויטע אַרמיי — דער געשפּענסט פון זיג יאָגט דעם פיינט,
ווי ס'ווערט אַ פאַרשאָלטענע נאַכט געיאָגט פון ערשטע שטראַלן.

ברידער, אַקסל צו אַקסל, ביקס צו ביקס, האַרץ צו האַרץ.
צוזאַמען — אַ לעבעדיקע שטריק אַרום האַלדז פון פיינט,
אַליין — אַן אָפּגעפליקט בלעטל געטראָגן פון פיינט.
ברידער, אַקסל צו אַקסל, ביקס צו ביקס, האַרץ צו האַרץ.
וואָסער חושך, וואָסער דייטש קען דאָס רויט פון בלוט פאַרשוואַרצן.
אָ, די רויטע פאָן, פון שלאַכט און הייליקן טויט צעשיינט.
ברידער, אַקסל צו אַקסל, ביקס צו ביקס, האַרץ צו האַרץ.
צוזאַמען — אַ לעבעדיקע שטריק אַרום האַלדז פון פיינט.

מיר קלייבן ווי וואָלקנס די פינצטערע יאָרן,
און שליידערן זיי קעגן פיינט די גרויזאַמסטע קראַפט.
אונדז בלייבט די צאַרטקייט פון הייסער ליבשאַפט,
דעם שונא — די קללה פון פינצטערע יאָרן.
אָ, רויט-אַרמייער, דיינער איז דער בראַנד פון געדעכטן צאָרן,
דיינע די צאַרטקייט פון אונדזער הייסער ליבשאַפט.
מיר קלייבן ווי וואָלקנס די פינצטערע יאָרן,
און שליידערן זיי קעגן פיינט — די גרויזאַמסטע קראַפט.

דייטש — תליון

דייטש — תליון:
וויפל קללות ס׳האָבן אין די וואָלקנס פאַר דעם מבול זיך פאַרקליבן,
וויפל געדולדיקע וואולקאַנען ס׳דרימלען נאָך אין שטומע טיפן
פאַרבאָרגן;
אַזויפל קאָכעדיקער צאָרן איז נאָך פאַר דיין טויזנטסטן מין
געבליבן.

אָ, וואָס קען גערעכטער זיין פון אויסגעלאָכט געוויין?
וואָס קען זיין ציכטיקער פון פאַרשפּיגן בלוט?
וואָס איז פאַרקלערטער פון אַ מיט מאַרך פאַרגאָסענעם שטיין?
וואָס איז הייליקער פון נקמה קעגן דורותדיקן קנוט?

דייטש — תליון:
אַט דער זעלביקער יאָמער פון מיין בר כוכבא פאָלק,
וואָס רייסט זיך, צו דער זון, פון פאַרגאָזטע קברים,
האָט אויך געצערטלט דיינע אורזיידעס אַמאָל —
ווי ניטשעס איבערמענטש, ווי וואַגנערס מוזיק,
און ס׳איז אויך זייער האַק, זאָט מיט זיג געווען,
און ווי זיי וועט נאָך דיך פאַרראָטן מרדכים שטריק.

הינטער דעם פאַרטאָג — די פאַרשאָלטענע האַרדעס יאָגן,
ווי ס׳יאָגן פאַרמשפּטע שאָטנס באַגעגענען אַ גרויזאַמען באַגינען.
אונדזערע איז די זיגערישע שווערד,
וואָס וועט דיינע וויכערדיקע מחנות, אין פויזנדיקע ריטשקעלער
צערינען.

דער אור-כוח פון דעם גערעכטן גיבור — ישראל,
וועט דורך אַלע פעלקער ניט אויפהערן טאָגן.
דעם צלם אלהים — דעם אייביקן מענטש,
איז אַ פרילינגדיקער גורל נאָך באַשערט.

דייטש — תליון:
דיין קרעציק האַרץ וועט אין שרעק פאַרטרייבן,
אפילו די הונגעריקסטע קראָען, די צעקרימטסטע מאָנסטערס.
פון דיינע שטעט וועלן נאָך בלייבן חרובע היילן,
פון דיין גבורה — אַ נאָגנדיקער וואָרעם.
און ס׳וועט נאָך אַ „מגילה פון פייער” דערציילן:
אַמאָל איז אַ דייטש — אַמאָל איז עמלק געווען.

אָוונט-ברויט

אָונט-ברויט

(עטלען)

דער אָוונט טיילט זיין האָב און גוטס פאַר טייבעלעך, טרעמפּס און קינדער,
פאַר די ברידער דיכטער און אויך פאַר אונדזערטוועגן.
אין צימערל שפּיגלען זיך די העלדן פון מעשהלעך אַצינד.
דער טיש בליט ווי אַ פריש גערטנדל נאָך אַ רעגן.

דער ליגן און דער רעש וואוינען אין שטעט, גאָט וואוינט באַזונדער.
אָ, גאָט האָט אויף דעם פערטן שטאָק זיך דאָ פאַרקליבן.
ער גייט מיט טריט פון אָוונט, דורך נס און דורך וואונדער.
פון דער זון איז דאָ אַן עלנטע וואונד געבליבן.

אויף די האַלב טונקעלע שויבן, אַ גוססדיקע וועלט פאַרגייט.
דער טיש שמעקט ווי אַ בייט מיט קנאָספּן צענומענע.
די גרינסן רימען זיך, מיט מי פון גענימטע הענט צוגעגרייט.
די פרוכטן רויטלען זיך מיט ליכט און ווינט דורכגענומען.

דער שוין פאַרגאַנגענער זומער האָט ווידער אויפגעגרינט,
און ברענגט די ברכה פון געשמאַקע פעלדער אַזוי נאָנט.

אין יעדן ווינקעלע איז די אָרעמקייט יום-טובדיק אויפגעראַמט.
דאָס וואָכעדיקע ברויט באַהאַלט דעם רויש פון בענטשנדיקן קאָרן.
דער אַלטינקער טאָג האָט שפּעט אין אונדזער צימערל
זיך פאַרזאַמט,
צו לאָזן אונדז זיין רחבות, צו ווינטשן אונדזער פרייד — לאַנגע
יאָרן.

די טעלער רייפן מיט די פולע זאַפטן פון אַ צייטיקן סאָד.
דאָרט, ביי דעם האָריזאָנט טורעמען זיך פינצטערנישן אַלערליי.
די זון מיט אומקום פון שלאַכטן באַלאָדן — אַ זינקענדיקע ראָד,
זינקט מענטשן און געטער, לענדער און פּלאַנעטן, אין לעצטן
געדריי.

די זון צעפּאַלט אין שטיין, רויך און שטויב, אין רינענדיקער
ליכטיקייט.
די נאַכט — אַ פינצטערער הערקולעס, אַ פאַרבאַרגענער
טויטן-שטראַל,
צעוואָרפט דעם טאָג אין תהו ובהו, אין פאַר-הוהדיקער צייט.
אַ, פון אַ מלאך ביז אַ שד, וועט באַלד, אַ, באַלד אין אָפּגרונט פאַלן.

די נאַכט שליידערט, ווי פון געפּלאַצטע אַטאָמען טויט און טויט
און טויט.
אַ, גוט איז פאַרגיין אַצינד, ווי אַט די לעצטע שיין אַזוי לויטער.

ביז אין סוף וועט דער מענטש טרוימען אין די פאַרקלערטע
פאַרנאַכטן.
האָב קיין מורא ניט געטרייע, דאָס גערעוו פון אטאָמען,
וועט מיין ליד צו דיר, וועט דער שטילסטער תפילה ניט
פאַרשטומען.
ס'טונקלט ניט גאָטס ליכט פון דער העלסטער זון וואָס דער מענטש
האָט געמאַכט.

דאָס ווינטיקסטע געיעג, דער קונציקסטער פליגל, די גיכסטע ראָד,
וועט דאָס לעבן פון אַ פאַרביק פלאַטערל קיינמאָל ניט דעריאָגן.
פון מאָדערנסטן שטראַל ווערט ניט אַלטמאָדיש דער באַשיידענער
פאַרטאָג.
גאָר די גבורה פון אַ מאַנסטער, גאָר די טיף פון איעדן סוד,

וועט ניט פאַרשטעלן די ברכה פון אונדזער פראָסטן אָוונט־ברויט.
אייביק וועט דער מענטש דעם קילן שאָטן פון אַ בוים ליבן.
פון אַ געמאַכטער בלום איז נאָך קיין איין טוי ניט געבליבן.
אַ, וואו איז דער וואונדער וואָס קען וועבן אַ פעטליע פאַר דעם
טויט?

דער אָוונט שניידט דורך פלאַמען — פאַר אונדזער גורל
אַ גילדענעם וועג.
פון אַ וויטן פרילינג פליען די ערשטע שוואַלבן אונדז אַנטקעגן.

אין גאַס, אַן אײַרישער בעטלער זינגט אַנטקעגן האַרכנדיקע
פענצטער,
פון אַ ייִנגל וואָס הערט ניט אויף אין ווינט נאָך זײַן ליבסטער
קלאָגן:
„אַ, מערי פון אַלע דובלינער בלומען ביסטו געווען די שענסטע.
זע מײַן האַרץ פון די גאַסן געטראָטן, פון דײַן רוף געטראָגן".

פענים פאַלן, ווי ווײַטע בשורות, מיט פּאַפּירעלעך צאַרט
אײַנגעדעקט,
ווי ס'וואָלטן די גוטע מענטשן אין די הויכן אַכטונג געבן,
ס'זאָל חלילה דער בראָזג פון פענים דעם בעטלערס אומגליקן
ניט וועקן.
אויף פענים ווי אויף פליגל זעט ער זײַן ליבסטע צו אים שוועבן:

„אַ, מערי, דײַן ליכטיק שמייכל ציכטיקט מײַן ברודיק, אײַריש
געביין.
גליאיק מיידל, דײַן קוש האָט מײַן בלוט ווי אַפּאַלאַם צעצונדן,
נאָר מײַן בעטלערישן מזל בילט אוים אַ ליאַדע הינטיש געוויין".
— דער בעטלער מיט דער וויזיע פון אַ מיידל איז פאַרשוואונדן

דורך קאַלטע לאַבירינטן, דורך דעם שטיינערנעם הפקר פון
ניו־יאָרקער זונפאַרגאַנג.
געבליבן איז נאָך ציטערן אויף דער בחורישער גאַס זײַן רירנדיק
געזאַנג.

די נאַכט אין אונדזער צימערל קוועלט מיט זאַטער רו.
די נאַכט האָט מיט לבנהדיקע הענט די שעהן אויסגעגלעט.
אין סודותדיקן בעט נאָר בראשית און איך און דו.
דאָס צימערל — אַ גן־עדן אָן שלאַנג און אָן פייגנבלעטער.

פון ערגעץ רייסט זיך אַהער די גרילצנדיקע שטאָט.
אַרום אונדז בלאָנקען נאָך שאָטנס אַזש פון אָדם הראשונס וועלט:
אָדם, כ׳וואָלט ביים „עץ־הדעת״ אויך פאַרראָטן גאָט.
אַ, ניט די אייביקייט, גאָט, גיב מיר אַ פּרוכט פון זינדיקן פעלד.

דער ריח פון קאַווע גייט אויף פון מיין צעגנטן גלאָז.
גרינגע, פלאַפּלענדיקע שמועסן — לאַנגע, רעדעוודיקע בריוו.
ווען פון אונדז וועלן בלייבן טרויעריקע גראָזן,
ווער וועט פלאַפּלען די שמועסן — די לאַנגע, רעדעוודיקע בריוו?

עטל: הינטער דיר, אַ גילדענער בעכער פול מיט טרערן.
אַנטקעגן דיר: אַ דיכטערס פענצטערל פול מיט שטערן.

די קינדהייט קען קיין עלטער ניט געבאָרן.
ניט די עלטער, די ליבשאַפט נאָגט דאָס גאַנצע האַרץ אויס.
אַ ריר צעבליט די דאָרנדיקע יאָרן.
פון יעדן שטערן גייט די קלאָרע קינדהייט אַרויס:

פופצן פרילינגס, זיבעצן פרילינגס, וויפל שיין?
מיידל, מיט גיכן אָטעם הער איך דיך פאַרטרויען:
„אַ, דו מיין געטרייער, שיין־שיין יינגל מיין,
אַ חלום קומט פון אַן אַלטן פייערל אַ בלויען.

„און פון אַן אַלטן פייערל, אַ בלויען,
האָסטו געבראַכט מיר, אין אונדזער צימערל, ווידער,
נאָר אַזאַ רגע — אַ פאַרכשופטן טוי,
אַזאַ קויש מיט רויזן, מיט קושן און מיט לידער״.

פופצן פרילינגס, זיבעצן פרילינגס, וויפל שיין?
אַ, דו מיין געטרייער, שיין־שיין יינגל מיין.

דער פֿאַרטאָג האָט די שטראַלן אין ליכטיקע מחנות
אויסגעשטעלט.
די נאַכט שיקט אין שלאַכט שטיקער חושך, פֿויזנדיקע שאָטנס,
ווי אַ צעמעסערטע באַנדע פֿון אַ באַזיגטער אונטערוועלט.
די זון — אַ פֿאַרליבטע האָלדזט די שטעט און שטעטעלעך פֿון
שטאָט.

דער אַלטער לבנה האָט שוין אַ כיטרער הענדלער אָפּגעקויפֿט,
און אויך די שטערן אויף זילבערנעם ברוכוואַרג אויסגעביטן.
די נאַכט מיט גאַר די קללות פֿון דער תוכחה אַנטלויפֿט,
נאָר האָט איר אייביקן שונא, דעם פֿאַרטאָג ניט אויסגעמיטן.

די נאַכט לויפֿט אין בוידעמשטיבלעך, אין אונטערערדישע הימלען,
וואו דער טאָג פֿאַלט פֿאַרטאָג אַנידער, דערוואָרגן פֿון דער נויט.
אין אונדז אַליין איז נאָך די נאַכט געבליבן: איבער שטאָט דרימלט
אַ זון — אַ גאָלדן קאַלב געמאַכט פֿון מאַרך און ביין, ליכט און
טויט.

ניט אייביק וועלן קעלבערנע געטער קרייזן די וועגן פֿון לעבן.
יע, דעם עכטן חלום פֿון אָט דעם ליד האָב איך דיר אָפּגעגעבן.

ביים אָנהייב זונפאַרגאַנג

איך האָב דיך באַגעגנט ביים אָנהייב זונפאַרגאַנג,
לויטער איז געווען די שעה, ציכטיק די פרייד.
דורך אָוונט, דורך שריפות זיינען מיר געגאַנגען.
אָט זע איך דיך באַרוועס, אין אַ דאָרפיש קלייד.
דו ביסט דאָס גינגאָלד פון פאַרנאַכטיקע קוואַלן.
אָט זע איך דיך ווייט אויף אַ פאַנטאַסטישן באַל.
אויסגעפוצט מיט אָוונט ביסטו געקומען,
דו טראָגסט איעדן שטראַל, ווי אַ פייער־בלום,
אַזויפל ערשטע זאַנגען אין די קערנער פון אַ לעצטן גאַרב.
דער אָוונט האָט אין צירונג דיך צענומען.
אָ, זע, געטרייע, נאָר דער זונפאַרגאַנג קען שיין אַזוי שטאַרבן.

וויפל ליכט ס'איז נאָך פאַראַן אין פריען זונפאַרגאַנג,
אַזויפל בויגיקער רייץ אין דיינע גלידער,
און אין מיינע טריט אַזויפל בראשיתדיק געזאַנג.
ביסט די פאַרליבטע שעה וואָס פאַרטרויט מיר מיין ליד.
אָ, גוט איז דאָס שפּעטע ווינטעלע פון מערב־זייט.
פון שווערן גאָלד, פון אָנגעגאָסענער צייטיקייט,
בויגן זיך סוף־זומער אין זאַטן פעלד, די דופּטיקע קאָרן.
כ'האָב ליב די וואָר פון יעדן חלום, דעם חלום פון יעדער וואָר.
אין וואָר איז דער צער טריבער, אין חלום, די ליבשאַפט ליבער.
פון גאָר מיין אומרו, פון מיינע ווינטיקע גיין און דרייסיק יאָר,
וואָס איז מיר אויב ניט דו און מיין יום־טובדיק ליד געבליבן.

און אויב פון צופיל בלענד, אָ, בלענדנדיקע פרוי,
וועלן גיך אַזוי אַ יאָג טאָן זיך די יאָרן,
וועלן מיר זעצן זיך ביי אַ זייטיקן טרוים,
און קלייבן אין גאָרבן די צייטיקע יאָרן:
אַ פריש פאַרשניטן פעלד, אין אָוונטדיקער ווייט,
וועט טונקלען מיט צער, מיט גלעטנדיקער שטילקייט.
אָ, קרייזן וועלן פייגל איבער אונדז פאַרבענקטער.
די קלאָרע בענקשאַפט נאָגט שטענדיק מיט ערשטן פלאַטער.
אַזויפל אָוונט־שפּיל איז נאָך פאַר דיר און מיר געבליבן,
ביז די שפּעטע רויז פון האַרבסט וועט שטאַרן קאַלט און מאַט.
אָ, געטרייע, ס'קען דער לעצטער שטראַל, ווי דער ערשטער ליבן.

האָסט דיינע יאָרן אין די חן גריבעלעך באַהאַלטן.
ניין, ס'זיינען דיינע יונגע, גרוילעכע האָר,
ניט די ערשטע סימנים פון דער טרויער־נאַכט.
אייביק איז די זינד פון דער גליענדיקער פרוי.
דיינע צעבליטע זיבן און דרייסיק יאָר,
האָבן אַזאַ גלידערדיקן סאָד מיר געבראַכט.
גרויע האָר זיינען ווייטע, שטערנדיקע געשטאַלטן.
ווען אויסגיין וועט דער נייגער פון די גאַרנדיקע אויגן,
וועסטו צערטלען מיין ליד און פלאַפּלען סתם אַזוי:
„מעינקע־מעינקע, ווײ, אַזאַ גילדענע שעה איז פאַרפלויגן,
דערפאַר טרערט אַזוי קינדיש דער אַלט־אַלטער טוי".

איך פאַרגיי מיט דיר ביים סוף פון זונפאַרגאַנג.
אָ, ווער קען דעם אייגענעם שאָטן איצט טרויען?
פון אַ שיין מעשהלע איז אונדזער טויט אַרויס,
מיט קינדישער שרעק פון אַ גוטינקן בער —
אַזאַ ליג, אין וואונדער איבער וואונדער אַנגעטאָן.
אָ, לאָמיר פאַרשפּילן זיין בערישן קער,
מיט אַ באָבעשן שפרונג, מיט אַ קיכעלע מיט מאָן.
ווי אַ זעלטענער ווײַן איז אַלץ פאַרגאַנגען.
אָ, וועסט בלייבן, ווי לילית, די זינד אַליין,
איבער אברהמס הימל אייביק בלויען,
וועסט בלייבן אין מיין ליד — די שיינקייט אַליין.
— — — — — — — — — — — — — —
אויסגעפּוצט מיט אָוונט ביסטו געקומען.
דו טראָגסט איעדן שטראַל, ווי אַ פייער־בלום.
אַזויפל ערשטע זאַנגען אין די קערנער פון אַ לעצטן גאַרב.
דער אָוונט האָט אין צירונג דיך צענומען.
אָ, זע געטרייע, נאָר דער זונפאַרגאַנג קען שיין אַזוי שטאַרבן.

איין אַליין

1

מעינקע, קום אין מיין איינזאַם בוידעם־שטיבל.
אויף דיר וואַרטן אַלע מיינע כיינען.
מיר איז דער קער פון דיין ווייטן שאָטן ליב.
אוי, איך שפיגל אינעם אָוונט זיך איין־אַליין.

נאַכט נאָך נאַכט ביסטו די פליגל פון מיין שלאָף:
דיך רופט פון ווייט מיין פאַרבענקטע האַנט.
איך האָב אין יעדן חלום דיך געטראָפן,
נאָר פרעמד איז מיר געווען דיין קול, דיין באַריר אומבאַקאַנט.

אוי, ווען דו וואָלסט פלוצלונג איצט אַריין,
מיד פון טרוימען אויף בלאָנדזשענדיקע וועגן, —
ווי וואָלט איך פאַרגינען זיך אַזויפל שיין?
ווי וואָלט איך מיט מיין אַלטן עלנט זיך געזעגנט?

איך וואָלט אין מיינע אָרעמס דיך פאַרוויגט, אַ מידן,
געווען וואָלסטו גליד פון מיין גליד, און איך — דאָס ליד פון דיינע לידער.

2

איך טראָג די לאַסט פון עלנט דורך דער ענדלאָזער שטאָט.
בראָדוויי־פּייערן לויפן וואַנזיניק,
איבער טורעמס אָנצווזאָגן גליק.
איך טראָג די לאַסט פון עלנט דורך דער ענדלאָזער שטאָט.
אַזויפל בלענד פאַריאָגט מיין אייגענעם שאָטן.
פאַראַן פאַר אַלעמען אויפן פונט דאָ גליק.
איך טראָג די לאַסט פון עלנט דורך דער ענדלאָזער שטאָט.
איך בין מיט בענקשאַפט, ווי די שטאָט מיט פייער אָנגעגליט.

3

יעדעם פענצטער האָט דעם העלסטן חלום צו פאַרקויפן,
פון פרויען ביז שטערן, פון שדים ביז געטער.
פון דינסטן חלום רינט אַרוים די בייכיקע זעט.
יעדעם פענצטער האָט דעם העלסטן חלום צו פאַרקויפן.
גאַסן ווייען מיט שלאַנקן גאַנג פון פרויען —
אין דיינע אָרעמס זע איך גליען אַלע פרויען.
יעדעם פענצטער האָט דעם העלסטן חלום צו פאַרקויפן,
פון פרויען ביז שטערן, פון שדים ביז געטער.

4

עס שרייט די שטאָט מיט האַנט-געמאַכטער פרייד.
אין יעדן פענצטער איז דער הימל בלוי.
ווי שמעטערלינגען צו פייער, ציען זיך צו דיר די פרויען.
עס שרייט די שטאָט מיט האַנט-געמאַכטער פרייד.
אַ ציגיינערן אויף בראָדוויי, קען אַלע בייזע חלומות פאַררייידן.
איך זוך דיך דורך אַלע טרוימען, אַלע פייערן, אַלע פרויען.
עס שרייט די שטאָט מיט האַנט-געמאַכטער פרייד.
אין יעדן פענצטער איז דער הימל בלוי.

5

ס׳קען די שטאָט שוין מער אַזויפל אומרו ניט האַלטן,
באַלד וועלן די טורעמס זיך אַ וואַקל טאָן און פאַלן.
באַלד וועט די שטאָט מיט אַלע אירע שטיינער מיך באַפאַלן.
ס׳קען די שטאָט שוין מער אַזויפל אומרו ניט האַלטן.
פון דער הייסער פרייד בלאָזט אַ טרויער אַזאַ קאַלטער, —
פון אַזויפל פרייד, קום, אוי, מעינקע, אינעם בוידעם-שטיבל
זיך באַהאַלטן.
ס׳קען די שטאָט שוין מער אַזויפל אומרו ניט האַלטן.
באַלד וועלן די טורעמס זיך אַ וואַקל טאָן און פאַלן.

6

פון אַלע פייערן פון דער ענדלאָזער שטאָט,
לויכט דאָס פייערל פון דיין פענצטער אַריבער.
פון אַלע ווערטער, הער איך נאָר דיין לעצט בריוועלע וואָס דו
האָסט מיר געשריבן.
אוי, פאַרצוקט מיך פייערן פון דער ענדלאָזער שטאָט.
יעדנס צער, יעדנס געוויין איז אין מיר געראָטן.
ווי זון אַ שטיק, ווייז זיך, אוי, מעינקע, אוי, ליבער.
פון אַלע פייערן פון דער ענדלאָזער שטאָט,
לויכט דאָס פייערל פון דיין פענצטער אַריבער.

7

וויפל אומהיימלעכקייט אויף אַ פרעמדער גאַס ?
וויפל עלנט טרעטן מחנות מענטשן אָן ?
וויפל לאַנגע נעכט אין אַן איינציקער טרער ?
לבנה, מענטש און חלום גליווערן אויף מיין גאַס, —
נאָר אַ וואַגנדיק פלאַטערל ביים ראָג־לאַמטערן,
שטעלט די גאַנצע וועלט אין קאָן.
אַלע אומרוען פאַרשווינדן, ס׳בלייבט נאָר די רו.
איך הער אין ווינט — ערשט פאַרקלונגענע רייד :
דיין יעדעס וואָרט — אַן אויסגעצאַנקטער שטראַל.
אוי, פון די צאַרטסטע שעהן איז מער קיין קלאַנג ניטאָ,
נאָר אַ בוידעם־שטיבל, איך — און דו ?
אַ ליכטיקע דערמאָנונג איז דאָ.

מאַמע

מאַמע

איך האָב האַלט אַזוי מיין מאַמעס האַרציקן געלעכטער,
איר געלעכטער — אַ קלאָרער רוף פון אַ וואַסערפאַל.
איר געלעכטער ביז טרערן, די גוטע אויגן צעשטראַלט.
איר געלעכטער פאַרהילכט די טונקלסטע געוויינען.

מאַמע:
פון אַ יידישן וואָלף וועל איך דיר אַ מעשהלע דערציילן.
הער:
דער וואָלף איז פון ווילדן וואַלד אַוועק,
און איינינקער אַליין מיט גאָט געבליבן,
ווייל מיד פון אייגענעם געוואוי,
וויל ער אונדז מער ניט שרעקן,
וויל ער, ווי זיך אַליין, אונדז ליבן, —
ווייל דער ווילדער וואָלף אַזוי,
ווי אונדזער קלאָר-ווייס ציגעלע,
צווישן ראָזשינקעס און מאַנדלען ליגן.
מאַמע:
פון אַ יידישן וואָלף וועל איך דיר אַ מעשהלע דערציילן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניטאָ שוין דעם נביאס וואָלף מיין קינד,
צוריק, צו זיין טאַטעס וואַלד-רויבער אַנטלאָפן,
און טרוי קיינמאָל ניט מיין קינד,
דעם נביאס גוטינקע שלאַנג
וואָס גאַרט אַזוי,
אויף איר צאַרטן שוים, אונדזער משהלען פאַרוויגן.
ווייל,
אליהום „קול דממה דקה״ ווערט נאָך אַלץ פאַרטויבט
פון דעם שונאס זיגעריש בילן,
און ס׳וואַלגערט זיך צומאָל —
צעטראָטן:
דער וואָס איז אומעטום.

מיין קינד,
איצט איז תמוז אין מיין שטעטעלע.
פאַרסאַמטע ווינטעלעך זייען דעם אַש פון מענטשן און פון געסעלעך,

און דומפּ, ווי פון אַ ווערגנדיקן האַלדז,
פּאַלט שווין דער הילפלאָזער צאָרן: „אַ צאָן פאַר אַ צאָן".
גאָט מיט פאַרבראַכענע הענט, פאַריתומט, אַליין,
פאַרנעמט נאָר פון מאָרד די צעקרימטע תפילה,
דערהערט נאָר דעם געדעוו פון פאַרפוילטן שעכטער.
אוי, אויב אין איינציקע זעמדעלעך וואָלט גאָט די גאַנצע ערד צעציילן;

(גוט וואָס אדם הראשון האָט דעם „עץ החיים" פאַרזען.)
אויב וואונדן וואָלטן אַליין מיט דעם שפּרוך פון אַ ברכה זיך היילן,
וואָלט נאָך אַלץ מער וואונדן, ווי זעמדעלעך געווען.

מיין קינד,
ווער ווייס —
וויפל וועט מיר צעשטויבן דורך די פלוידערדיקע זיבעציק יאָר?

וויפל ווערטער, ווי שטורעמס, בלייבן שטומען אויף אַ פאַרגליווערט מויל?

ווער ווייס —
וויפל ווערטער די מצבה: דער לעצטער שטיין פאַרשטיינט?
וויפל גליאיקע ווערטער פרירן אין אייביקן ווינטער? —
און ס'האָט דער מענטש דעם חלום, דעם פאַרפאַלענעם נאָך אַלץ ניט געפונען.

מיין קינד,
ווער קען פאַרשטיין,
פאַרוואָס דער שד פלאַצט נאָך ניט לאַכנדיק פון יעדן גלויביקן דור?
פאַרוואָס דער ווינט האָט דעם הבלדיקן לויף-געוועט נאָך אַלץ ניט געוואונען?

פאַרוואָס די גריל איז נאָך ניט מיד פון הערן זיך אַליין,
אויף איר אייגענעם גורל קלאָגן?

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאמע,
אַ וואָרט אַן איינציקן זוך איך אַרום אַ לעבן לאַנג,
אַ וואָרט אַזאַ פון קיין אויער ניט דערהערט.
אַ וואָרט : ניט אין געלעכטער, ניט אין געוויין אַרויסגערעדט.
אַ וואָרט : ניט אין דער טונקלסטער מחשבה, ניט אין העלסטן
שווייגן דערשפּירט.
אַ וואָרט : פון קיין טרוים נאָך ניט באַרירט.
אַ וואָרט — איינגאַנצן נס.
און ס'טוט מיר מאַמע אַזוי באַנג,
וואָס דורך אַ שעפּטשענדיק בלעטעלע האָט קהלת מיך פאַרטרויט:
— שפּעט!
אַלע ווערטער האָט נאָך פאַר בראשית, די דורשטיקע חכמה
פאַרצערט.
אַלע ווערטער האָט נאָך אין „תהו ובהו" אַ קלוגער פלאַפלער
אַרויסגערעדט.

מאַמע,
אַזאַ קוואַליקע פרייד פליִצט פון אוראַלטן שורש,
און רירט מיין שיין ליד צו דיר אַזש ביז געוויין.
דאָס וואָרט, דאָס איינציקע, האָב איך אין דיין גליק און אין
דיין טרער געפונען.
דאָס וואָרט, דאָס פרילינגדיקסטע זינגט דורך דיין געביין.
צום וואָרט, צום איינציקן :
מאַמע —
פאַל איך אַ פאַרשמאַכטער צו,
מיט דער מדבר-דורשט פון אַ לעכצנדיקער צונג צו אַ קילן ברונעם.
דאָס וואָרט איז דער פלאַם וואָס וועט דעם בלינדסטן חושך
פאַרברענען —
ס'איז פון משה רבינוס זעאונג, יענער הייליקער פלאַם,
וואָס האָט אויך געהייליקט דעם פרייהייט-טרוים פון אייביקן
ענין.

מאַמע :
איבער אַלע גרוילנדיקסטע גרוילן,
איבער אַלע פוילנדיקסטע קוילער —
טאָגט ישעיהס האָפענונג — און דו.

ביים קינדישן פאַרטאָג

מאַמע מיינע,
קלוגע מיכאַלישקער מאַמע מיינע,
איך האָב ביים קינדישן פאַרטאָג דיך היינט געזען.
דו האָסט געזאָגט:
„גלויב ניט, קינד מיינס, ניט גלויב.
נאָר אַ שוואַרצער חלום איז עס געווען:
די תכריכים, די טהרה־ברעט און דער אָרון.
ניט איך בין עס געוואָרן שטויב:
זע —
איינגאַנצן פרילינג, בין איך אין יעדן גרעזעלע געבליבן.
דורות, דורות בין איך נאָך לעבן גרייט.
הער, אין ווינט — מיין געלעכטער, מיין אייביקע פרייד.
און ס'וועט די זון, ווי דו, מיך אייביק ליבן,
גלויב ניט, קינד מיינס, ניט גלויב".

מאַמע —
איך האָב געמיינט ס'איז דו געווען,
יענעם לעצטן, פרייטיק אָפּדערנאַכט.
איך האָב געזען: אַן אומזעבאַרע, פאַרשאָלטענע האַנט,
האָט פון אונדזער מיטן שבתדיקן שמועס דיך אוועקגעריסן.
איך האָב געהערט,
ווי פון אַ ברענענדיקער תפיסה — אַ פאַרלאָרן געשריי:
„עפנט אַלע פענצטער, עפנט אַלע טירן",
ווי דו וואָלסט פּלוצלונג אַ פאַנטאַסטישן גאַסט דערזען,
וואָס האָט די גאַנצע אייביקייט אַ מתנה דיר געבראַכט.
איך האָב געשפּירט,
דעם קאַלטן בליאַסק פון אַ חלף שפּיגלען זיך דורך די געהירן.

ווי!
איך האָב געמיינט ס'איז דו געווען,
יענעם לעצטן, פרייטיק אָפדערנאַכט,
נאָר געקלאָגט אַזוי האָט גאָר אַ ווינט אויף אַ דאָרן אַ הוילן,
געיאָגט אַזוי האָט אַ געוויטער דורך אַ פייער־וואַנט.
מאַמע מיינע:
גוט איז מיר אַזוי,
וואויל איז מיר אַזוי,
וואָס ניט דיר, ניט דיר האָב איך געזען —
אין גרויזאַמע שאָטנס,
איינציקווייז צעשאָטן,
ביי דעם גרייטן, וואונדיקן טיש גרוילן.
אָ, נאָר אַ שוואַרצער חלום איז עס געווען, —
נאָר פאַרוואָס מאַמע,
איז פול אַזוי דאָס וויסטע האַרץ געבליבן,
מיט נאַכט, מיט יאָמער, מיט קריעה־ריסן.

מאַמע מיינע:
קלוגע, מיכאַלישקער מאַמע מיינע.
ס'האָט דער טויט פון מיר,
קיין איינציקן שטראַל פון דיין לעבן ניט פאַרשטעלט.
טאָג נאָך טאָג, רגע נאָך רגע, אָטעם נאָך אָטעם,
וועל איך דיך שטאַרקער, צאַרטער ליבן, —
נאָר וואו זאָל איך מיט אַזויפל ליבשאַפט זיך אַהינטאָן,
סיידן לויפן, לויפן, לויפן —
פון דעם קאָכיקן האַס, פון דעם קנאָכיקן גרויל פון דער וועלט,
צו דיין שטערנדיקער לויטערקייט אַנטלויפן.

עפּיטאַף

אויסגעקריצט אויף מיין מאַמעס מצבה, אין ריווערסייד בית־עולם, ניו־ראָשעל, ניו־דזשוירזי.

גלויב ניט קינד מיינס, ניט גלויב,
ניט איך בין עם געוואָרן שטויב.
זע:
מיט אַלע פרילינגס פון מיכאַלישעק, סווינציאַן,
בין איך אין יעדן גרעזעלע פאַראַן.

דעם ערשטן יאַנואַר 1943 — כד, טבת, תש״ג

זייט געגריסט
פון מיר
הערשעלע
ווארשעווער געטאָ
[illegible] 1941

זייט געזונט

פון לייזער חייט

עטלעכע ווערטער וועגן „זייט געזונט"

אַט דעם „זייט געזונט" האָט געשריבן מיין פריינט — לייזער. לייזער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אויף מאָרגן האָב איך דערהאַלטן דורך פּאָסט צוויי געזעגענונג בריוו און אַ שיין־פאַרוויקלט פּעקעלע לידער. איך לאָז אויס דעם לאַנגן בריוו צו מיר פון אַט דער זאַמלונג. איך גיב יע נאָך זיין בקשה אַז זיינע לידער — זיינע „לעצטע זונפאַרגאַנגען זאָלן בלייבן צאַנקען" איבער זיין פריצייטיקן קבר און אַז כאָטש איינער פון זיינע בריוו: „זאָל בלייבן ווי אַ פּאָכן פון אַ טיכעלע, ביי אַן אָפּגייענדיקער שיף". לייזער דערמאָנט אָפט אין זיין בריוו צו מיר און אין זיינע לידער — די שטריק און אויך די הויך, זעט אויס די הויך האָט אים מער געצויגן, ווייל ער האָט זי אויסגעקליבן.

צום באַדויערן דעביוטירט לייזער ערשט נאָך זיין טויט. קינסטלעריש זיינען די לידער, דוכט מיר, אונטער מיין איינפלוס, נאָר ס'איז דאָ זיין אייגנאַרט, זיין „פרי־פאַרשטומט געזאַנג", זיין ציטער נעמט אַדורך יעדע שורה פון שווערן טרויער. ס'איז דאָ זיין מיען זיך אַרויסצולויכטן מיט אַ האָפענדיקייט פון די לעצטע, פאַרצווייפלטע רגעס פון זיין לעבן.

לייזער איז מיינער אַ קינדהייט־פריינט. ער איז געקומען מיט זיין פאַמיליע פון סוויר, ניט ווייט פון אונדז, אין מיין „ברענענדיק שטעטל" — מיכאַלישעק, אין צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין קינדהייט, ווי מיינע, איז אַדורך די „שבעה מדורי גיהנום". איך געדענק לייזערן אַן אָפּגעריסענעם, אַ פאַרמורזשעטן; פאַרזונקען אין הונגער־מיראַזשן, פלעגט ער מיר דערציילן פאַנטאַסטישע מעשהלעך פון מלאכימלעך, מיט פליגל פון ברויט, הענט און פיס, אַלץ פון ברויט, נאָר די קעפּ פון הימל.

לייזער זאָגט ניט אויס למאַי ער „מוז" ווערן אַ פאַררעטער קעגן זיין „אייגענעם, גבורהדיקן גוף". דאָס זיינען שרייבט ער: „סודות וואָס איך וועל מיטנעמען מיט זיך אין קבר". וואָס די סודות זאָלן ניט זיין, זיכער איז אַז די ערשטע וועלט־מלחמה האָט פאַרוואונדעט דעם דיכטערס קינדהייט, האָט איבערגעלאָזן איר אומקום אויף דער צאַרטער פּסיכיק פונעם באַרוועסן קינד. דאָס ווייטערדיקע, שווערע לעבן, צוזאַמען מיט דער ווירקונג וואָס די אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק האָט געהאַט אויף דעם י י ד י ש ן י י ד — לייזער, האָט געטאָן דאָס איבעריקע. (לייזער פלעגט זאָגן: פאַראַן אַמעריקאַנער יידן, ליטווישע, פּוילישע, רוסישע, טערקישע יידן, איך בין אַ יידישער

ייד.) לייזער האָט זיך אויך שטאַרק גענומען צום האַרצן וואָס אונדזער האַרציק מאַמע־לשון — יידיש, ווערט אַלץ מער געלאָזן אויף הפקר, אפילו פון די געבליבענע, יידיש־רעדנדיקע יידן.

ווער קען לייקענען אַט דעם אמת? מיט דער אויסראָטונג פון די עקשנותדיקסטע פון אונדזער פאָלק האָט היטלער אויך געגעבן אַ טויט־קלאַפּ אונדזער מאַמע־לשון, איבער דער וועלט בכלל און איבער אַמעריקע בפרט, וואו יידיש איז שטענדיק געווען אין געפאַר. מיט דעם אומקום פון אונדזערע ברידער און שוועסטער איז געבליבן פוסט און וויסט דער פריערדיקער, פרוכטבאַרער באָדן, וואו מיר האָבן ביז גאָר אַ גרויסער מאָס געצויגן אונדזער יניקה. דאָס מיינט נאָך אַלץ ניט אַז יידיש איז שוין געווים פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. נס איז שטענדיק געווען אונדזער לייבלעכער ברודער. זינט די ערשטע טריט פון אונדזער פאָלק, האָבן מיר כמעט שטענדיק געוואַנדערט אַרום די ראַנדן פון אונטערגאַנג. אונדזער פאָלק איז געגליכן צו אַ פאַנטאַסטישן גבור וואָס שפּרייזט איבער פעלדז־שפּיצן. שונאים אַלערליי: טאָרנאַדאָס, וואולקאַנען, שטרויכלען זיין יעדן טראָט. איין גליטש — און דער גבור וואָלט אַ פאַל געטאָן אינעם תהום פון טויט און פאַרגעסונג. נאָר שוין טויזנטער יאָר אַזוי שפּרייזט דער גבור — ישׂראל, צעטרעטנדיק סוף כל סוף, די קעפּ פון זיינע שונאים. אייביק, אייביק וועט שפּרייזן אַזוי דער גבור — ישׂראל, מיט דעם בטחון פון ישעיהן, מיט דער גבורה פון יהודה המכבי, רבי עקיבא און בר־כוכבא — צו אַ ברידערלעכער פעלקער־וועלט, אַן פאַרשקלאַפונג, אַן בלוט־דורשט:

איך זע מיין פאָלק — מיין יונג, מיין אוראַלט פאָלק,
איבער פעלדזן גליטשיקע — מיט זיכערע טריט.
אַלטע וועלף האָבן שוין אין פעלדז די ציין צעקריצט.
עס שפּאַנט מיין פאָלק — מיין יונג, מיין אוראַלט פאָלק.
איין פאַרבלאָנדזשעטער טראָט. איין שטאַרער בליק,
און פון ישעיהס חלום בלייבט קיין זכר ניט.
נאָר אייביק איז מיין יונג, מיין אוראַלט פאָלק,
און איבער פעלדזן גליטשיקע זיכער די טריט.

אַלץ שווערער ווערט דאָס לעבן פון אונדזער מאַמע־לשון, ספּעציעל אין אַמעריקע, ווייל אַלץ שיטערער ווערט דאָ אויך דאָס הייפעלע יידן וואָס האַלט זיך נאָך מיט דער בראַווער עקשנות פון אַן „עם קשי עורף", אין אונדזער שפּראַך וואָס האָט שוין טויזנט יאָר געלאַכט, געוויינט און געשטורעמט אויף די זיגזאַגישע וועגן פון אונדזער געשיכטע. וויפל

דאַרנדיקע קראַפט ס׳איז פאַראַן אין די יידישע קללות וואָס מיר האָבן געשליידערט קעגן אונדזערע שונאים, מיט אַזויפל חן און ליבשאַפט לויכט אַרויס אונדזער אידיאַם פון די אויגן פון יעדן יידישן ייד. מיר מוזן מיט ציין און נעגל קלאַמערן זיך אין אונדזער יידיש, מיר מוזן דאָ ווערן אַ דאַמבע קעגן דעם מעכטיקן, שפּראַכלעכן אַסימילאַציע שטראָם, כדי דעם שטאַרקערן — ענגליש זאָל ניט אָנקומען אַזוי גרינג אונדז צו פאַרשלינגען. און מיר טאָרן ניט אויפהערן האָפן אויף אונדזער לייבלעכן ברודער — נס.

גערעכט איז געווען לייזער וואָס ער האָט געקוקט אויף דעם יידיש רעדנדיקן ייד וואָס קערט זיך אַוועק פון יידיש, ווי אויף איינעם וואָס פאַרשוועכט דעם כבוד פון די זעקס מיליאָן קדושים, וועלכע — די גרעס־טע טייל — האָבן זיך כמעט אינגאַנצן אויסגעלעבט: געטרוימט און געקעמפט אויף יידיש. גערעכט איז געווען לייזער, ווען ער פלעגט זאָגן אַז ווען מען רודפט יידיש אין ארץ ישראל אפילו אַצינד, רודפט מען אויך די דערוואָרגענע אין די גאַז־קאַמערן וועמענס צוואה האָט אַנדערש ניט געקענט זיין ווי יידיש. גערעכט איז געווען לייזער וואָס ער האָט געהאַלטן אַז די יידן וואָס קלייבן זיך אויס אַן אַנדער שפּראַך, קלייבן זיך אפשר אויס אַ שענערע, רייכערער מאַמען, אָבער פאָרט אַ שטיף־מאַמע.

לייזער וואַרפט ניט אַרויף די שולד פון זיין טויט בלויז אויף דער טראַגיק פון אונדזער פאָלק, נאָר אויך אויף די ליידן פון זיין פּערזענלעכן לעבן. ער זאָגט:

„ניט נאָר מיין פאָלק, אין פאַרגאַזטע טרעבלינקאַס דערוואָרגן,
אויך מיין אייגענער טרויער, אין אַלדאָסבייז אין מיר איינגעגעסן,
וועט בייטן מיין רוישיקן געלעכטער אויף בית־עולם רו,
נאָר ס׳וועט אַפילו אַ גרעזעלע מיינס ניט פאַרגעסן,
די פרייד וואָס איז באַשערט דעם נאָענטן מאָרגן״.

זיינע לידער זיינען אויך קללות קעגן יענער פאָרם פון געזעלשאַפט וואָס האַלט רייף דאָס פעלד, וואו עס פלאָדיען זיך די וועלטישע טיראַ־נען — די בלוטיקע גערטנער וועלכע פאַרזייען אַזוינע מלחמות און הרמות וואָס רויבן דאָס שענסטע, צעשטויבן די גאַנצקייט אינעם מענטשן. (פאַרשטייט זיך, וואָלט לייזער געהאַט אַרום זיך אַ סביבה וואָס וואָלט וואַרעם אויפגענומען אים און זיין ליד, וואָלט לייזער אויסגעמיטן אַט דעם גורל, נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַרירן אַט דעם פיינלעכן ענין.)

פאַראַן מסתמא מאָמענטן אַזוינע אינעם לעבן וואָס באַפאַלן יעדן איינעם פון אונדז. די שטאַרקערע קענען גובר זיין זיך אַליין און לאָזן

זיך ווייטער אין ברייטן וועג — אַנטקעגן זון און קאַמף און זיג. די שוואַ־כערע פאַלן.

אַזאַ לעבן ווי לייזער איז אַדורך פון קינדערוויז אָן, צעטרעט אָפּט דעם פאַרהאַרטעוועטסטן מענטשן, בפרט נאָך אַזאַ סענסיטיוון דיכטער ווי מיין פריינט לייזער איז געווען. דאָס מיינט ניט אַז מען קען אויך וויפל ניט איז באַרעכטיקן אַזאַ מיטל קעגן ליידן. זעלבסטמאָרד איז אַ מין עבודה זרה און דערמאָנט אין יענעם געצנדינער וועלכער פלעגט אומ־ברענגען זיין אייגן קינד צום בלוט־דורשטיקן געץ — מולך און איז דאָן געבליבן האָפן אַז ער איז שוין פטור פון אַלערליי פלאָגעניש.

וויפל אָט דער געדאַנק דאַרף אָפּשטויסן אַ פּראָגרעסיוון מענטשן איז גענוג צו דערמאָנען זיך אַז דעם זין פון זעלבסטמאָרד דעמאָנסטרירן יאַפּאַנעזער אין האַרי־קירי ריטואַלן; איז גענוג צו דערמאָנען זיך אַז דער מאָדערנער המן — היטלער איז אויך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד: פאַרשטייט זיך, נאָר דערפאַר ווייל די וועלט האָט שוין געהאַלטן גרייט פאַר אים אַן אָפענעם קבר. ספּעציעל פאַר דעם יידן איז שוין לעבן אַליין די ממשותדיקסטע נקמה קעגן אָט דעם ראש פון די שעכטער.

יע, פאַראַן אויך אַ הייליקער זעלבסטמאָרד וואָס בלייבט ווי אַ בת־קול צו וועקן דעם מוט און דעם שטאָלץ פון אַ פאָלק, ביז דעם סוף פון אַלע דורות. מיר ווערן דורכגעהייליקט ביים דערמאָנען דעם נאָמען אליעזר בן יאיר, וועלכער האָט געמונטערט זיין מחנה קריגער פון מסדה אַליין זיך צו טויטן, כדי אויסצומיידן דעם גורל פון שמעון בר־גיורא, כדי ניט געשלעפּט צו ווערן דורך טיטוס פּראָצעסיע, געבונדענע צו דער שחיטה, כדי ניט צו ווערן קיין שפּילכעלעך פאַר הונגעריקע לייבן, אין די רוימישע צירקן, ביים געריעוו פון ווילדן המון.

ניין, לייזער, ניט דיינער איז דער טויט פון די יידישע גבורים, וועל־כע האָבן דורך די פלאַמען פון בית־המקדש געוואָרפן זיך, ווי צאַרנדיקע פאַקלען, כדי אויסצוברענען כאָטש נאָך אַן אויג פונעם שונא.

איך קען דיך ניט מוחל זיין, לייזער. דו שרייבסט אַליין: „דאָס לעבן פונעם יידישן אַרבעטער, פונעם יידישן פאָלק־מענטש איז גענוג באַלאָדן מיט דער גרויל פון חורבן שלישי — אַ חורבן וואָס שרעקט אַרי־בער די פריערדיקע חורבונות מיט אַ זעקס מיליאָניקן קדושים־באַרג — אָן מיינע זעלבסטמאָרד לידער״. דו פּרואוווסט איינוויקלען די טומאה אין דער יראה. ווי קענען דיינע טענות קעגן טרויער און זעלבסטמאָרד באַאיינפלוסן אַנדערע אַז זיי האָבן דיך אַליין ניט איבערצייגט.

לייזער, פריינט מיינער, אוודאי, „אַ שאָד דאָס זוניקע מיידל, אַ

שאָד די שטערן". „דו האָסט אַליין זיך צום טויט פאַרמשפּט". אַן אומ־גערעכטער שופט ביסטו געווען און דער סנהדרין זאָגט: „יעדער ריכטער וואָס פּסקנט פאַלש אַ דין איז גורם אַז די שכינה זאָל זיך אָפּטאָן פון ישראל". („כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שהסתלק מישראל". — סנהדרין ז', ע"א) אוודאי לייזער, איידער טויט, שוין בעסער: דער „לעבעדיקער צאָרן פון דער שרייענדיקער וואונד".

איך האָף אַז דיינע לידער און דיין בריוו וועלן אינספּירירן דיין גלייכן, זיך אָפּצוקערן פון אַזאַ פּחדנותדיקער פאַרצווייפלונג און וועלן דינען ווי אַ וואָרנונג — קעגן זעלבסטמאָרד.

לייזער, פריינט מיינער, איך קען דיך ניט פאַרגעבן. אונדזער פאָלק איז אַדורך געגנוג מאָרד און פון זעלבסטמאָרד וועט געוויס ניט אַריין קיין ברעקל שיין אין פינצטערן תהום.

אַ, ליידן, פרייען זיך, קעמפן — ציען זיך מיט יעדן נערוו צום פיל־פאַרביקן לעבן. לעבן! לעבן!

— מעינקע —

לייזערס לעצטער בריוו

„ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך" — „זאָלסט זיך ניט איינרעדן אַז דער קבר איז אַ באַהעלטעניש פאַר דיר". (פרקי אבות, פרק רביעי, כט).

פריינט מיינע, ס'גלויבט זיך מיר ניט אַז איך האָב שוין דערגרייכט דעם טאָג, ווען אַ מענטש געזעגנט זיך מיט זיך אַליין. מיר ווילט זיך ניט גלויבן אַז איך שרייב אָט די ווערטער אַ צום טויט־פאַרמשפּטער, ווי ס'ווילט זיך אַמאָל ניט גלויבן אַז אַ גאַנטער פריינט איז טאַקע געשטאָרבן. איך בין דאָך אַזוי פאַרליבט אין אַלץ וואָס מען קען אָנרופן — לעבן, ווי אַזוי קען געמאָלט זיין אַז איך האָב אַליין באַשערט זיך אומצוברענגען מיט מיינע אייגענע, אומדערבאַרעמדיקע הענט.

איך ווייס ווי שווער ס'וועט זיין פאַר אייך, גאַנטסטע פריינט מיינע, צו פאַרנעמען אַז אייער לייזער, וועלכער האָט שטענדיק געקוואָלן איבער די וואונדער פון יעדן אָטעם לעבן, זאָל פּלוצים גוזר זיין איבער זיך אַזאַ פּסק־דין. איך וועל בלייבן ביי אייך אַ „חידה סתומה" — אַ ניט אַנטפּלעקטע רעטעניש. איך פיל זיך ווי אַ פאַררעטער קעגן מיין אייגענעם, גבורהדיקן גוף. אַזאַ הייס בלוט שלאָגט דורך מיינע גלידער, נאָר איך שרייב אָט די ווערטער קאַלטבלוטיק. איך פאַרגרייט זיך מיט דעם „זייט־געזונט", ווי אַ גלויביקער ייד פאַרגרייט זיך מיט אַ קבר.

שוין אַ פּאָר יאָר אַז איך טראָג זיך אום מיט אָט דעם קראַנקן רעיון וואָס איך האָב געגאַרט אויסצומעקן, צוליב מיין ליבשאַפט פאַרן לעבן, צוליב דעם ליכטיקן זין פון קעמפן קעגן אַלץ וואָס איז מיאוס אונטער דער זון, צוליב דער פרייד פון חלומען פונעם „זיו־השכינה" אויף דער ערד: פון אַ נייער וועלט, פון אַ נייעם מענטשן.

זעלבסטמאָרד—מאָרד! פון אַזאַ „לא תעשה" עפענען זיך געוויס די „מ"ט שערי טומאה". אָט דער מין טרויער איז דאָך פאַרשאָלטן אפילו פון דעם מחמיר—דעם ר"מא וועלכער האָט געהאַלטן אַז פאַר די עבירות פון אַן איינציקן טאָג, קומט דעם מענטשן — „ערבע מיתות בית דין". ס'איז בכלל ניט אמת אַז טרויער איז אַ יידישע מידה. די רדיפות און פּרעניות אויף אונדזער פאָלק, האָבן געפירט דערצו, יידן זאָלן אין קבלהיסטישע מוסר ספרים רופן צו פייניקן זיך דעם גוף מיט אַש אויפן קאָפּ, מיט צעריסענע קליידער און מיט תעניתים, ווייל דאָס אָפּגעצערטע לייב איז ווי אַ קרבן צו גאָט, נאָר טרויער און תעניתים ווערן פאַררעכנט, ווי אַ זינד: „אַ ייד, וואָס גיט זיך אָפּ מיט תעניתים, זאָלן הינט עסן

זיינע שיריים", ווערט געזאָגט אינעם תלמוד.(„בר בי רב דיתיב בתעניתא ליכול כלבא לשירותי".) יידן האָבן אפילו תשעה באב פאַרוואָרפן דעם טרויער מיט שישקעס. די טרויער טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב זיינען נאָר אַ מיטל, דאָס פאָלק זאָל חלילה ניט טרויערן אַ גאַנץ יאָר. ניט ר׳ יצחק אבוהב הספרדי, נאָר ר׳ ישראל בעל שם טוב, דריקט אויס די נשמה פון אונדזער פאָלק.

געווען אַ צייט ווען איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז אויב מיר וואָלט אויסקומען ווען עס איז אַזאַ פּריציייטיקע, פּינצטערע נסיעה, וואָלט עס געווען אַ פּועל יוצא פון צופיל פרייד אין מיר און ניט להיפוך. מיין צו אימפּעטדיקע פרייד אין מיר איז תמיד געווען אין געפּאַר איבערצוגיין די אייגענע ברעגן און צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מין דערהייבענעם טרויער, וואָס נעמט אויך אַדורך מיינע לידער. אָפט דאַכט זיך, ווען די פרייד גרייכט אירע העכסטע הויכן איז שווער צו געפינען די גרענעץ צווישן פרייד און צער.

מיינע גאָר נאָנטע פריינט ווייסן אַז מיין פרייד איז שטענדיק געווען אַן עכטע, ניט קיין געקינצלטע. מיין שטענדיקע פיזישע גבורה, איז געווען געגנוג צו האַלטן מיך דורכגענומען מיט אַ שיינעם, גוטמוטיקן געמיט, מיט אַ באַגייסטערונג פאַר זאַכן וואָס האָבן געקענט אויסזען קינדיש אַ זייטיקן מענטשן.

ניין, ס׳וואָלט זיך ניט פרי אַזוי אָוועקשליידערן זיך און די ניט גע־שריבענע לידער — פאַר ווערים און פאַר שדים.

ס׳איז ניט נויטיק אַריינצולאָזן זיך אין די פּרטים וואָס האָבן גע־פירט צו מיין פריען סוף. פאַראַן אַ סך אינטימע סיבות — סודות וואָס איך וועל מיטנעמען מיט זיך אין קבר. פערזענלעכע טעמים, צוזאַ־מען מיט דער טראַגיק פון מיין פאָלק, האָבן פאַרשטעלט פאַר מיר יעדן שטראַל פון לעבן. די ליידן פון מיין אייגענעם לעבן — זיינען דורכגע־ציטערט געוואָרן מיט אַזאַ קאַשמאַרישער פאַרפייניקונג איבער די בעס־טע פון אונדז, אַז איך אַליין האָב מער ניט קיין גייסטיקן כוח צו לעבן, כאָטש ס׳איז געוויס ניט קיין אויסוועג און זיכער פאַר קיינעם ניט קיין טרייסט. דער איינציקער אויסוועג איז — נקמהדיקער קאַמף און קאַמף איז אויך דאָ אין דער עקשנות צו לעבן.

די כלערליי מיתות משונות איבער די בעסטע פון מיין פאָלק האָט איבערגעלאָדן מיין אייגענער, פיינלעכער לאַסט ביז אַ גראַד, שוין מער ניט איבערצוטראָגן. ווי, אַפילו די גרעסטע טייל פונעם ליטווישן פאָלק מיט וועמען די יידן האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין פריינטשאַפט

האָבן צוגעקוקט גלייכגילטיק, אָדער מיט הנאה, ווי ליטווינער צוזאַמען מיט די נאַציס האָבן פּשוטו כמשמעו געהאַקט מיט העק די יידישע קעפּ פון סלאַבאָדקע, קאָוונע, ווילנע; פון סוויר, סווינציאַן, מיכאַלישעק — פון גאַנץ ליטע. אַפילו ליטווינער — די געוועזענע יידישע „פריינט", פון וועלכע אַ סך האָבן אַליין געקענט רעדן יידיש, האָבן געזעגט יידן לע־בעדיקערהייט, ווי האָלץ, מיט פאַרזשאַווערטע טעמפּע זעגן, כּדי די יסורים זאָלן געדויערן וואָס לענגער, און דערנאָך צעטיילט זיך מיט דער ירושה פון די קדושים.

מיר דאַכט איך קלייב אויס דעם גרינגערן עול.

איך האָב אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך לידער פון אָט דעם מין, נאָר איך האָב זיי ערשט צעריסן. דאָס לעבן פונעם יידישן אַרבעטער, פונעם יידישן פאָלק־מענטש איז גענוג באַלאָדן מיט דער גרויל פון חורבן שלישי — אַ חורבן וואָס שרעקט אַריבער די פריערדיקע חורבונות מיט אַ זעקס מיליאָניקן קדושים־באַרג, אָן מיינע זעלבסטמאָרד לידער. איך האָב אי־בערגעלאָזן אָט די עטלעכע לידער, ניט ווייל זיי זיינען די בעסערע, נאָר ווייל די כאַראַקטעריסטישערע.

איך קוש דאָ צום לעצטן מאָל מיין טאַטן און מיין מאַמען און איך האַלדז זייער באַליבסטן זון — מיין יינגסטן ברודער: משה. אַ הי־גע־בוירענער איז ער אָבער אונטער דעם איינפלוס פון מיינע עלטערן, ביז איצט געוווען איינגאַנצן אַ „היימישער", סאַי אין זיין פּשטות, סאַי אין זיין אויסדריקן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, זיין פריילעכקייט און זיין אומעט, אין אונדזער מחיהדיקן מאַמע־לשון.

שלום־בער, עלטערער ברודער מיינער און דישע — שוועסטער מיי־נע. איך דערמאָן אייך דאָביידן מיט ליבשאַפט, כאָטש צייטנווייז האָט זיך אונדז געדאַכט אַז ווער פון אונדז איז פון אַ „סטרא אחרא", אַז מיר האָבן זיך ניט גענוג פאַרשטאַנען, איז דאָך אונדזער ליבשאַפט צעמענ־טירט געוואָרן אינעם הונגער, פייער און טויט פון אונדזער אימהדיקער קינדהייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

און ישראל יוסף — יינגערער ברודער מיינער, פאַרגיב מיר ניט. איך האָב דיך אָפּגענאַרט. איך האָב דיך איינגערעדט אַז מיין משמעות אויף זעלבסטמאָרד איז געווען אַ צופעליקע, אַ גאָרניט מיינענדיקע, אַז איך האָב צופיל ליב דאָס לעבן, איך זאָל פרי אַזוי נעלם ווערן אויף מיין אייגענעם רוף. שוין צוליב דיר אַליין האָב איך באַדאַרפט אויספליקן מיטן וואָרצל אָט די פאַרפוילטע מחשבה. ברודער מיינער — ישראל־יוסף, דו האָסט קיינמאָל ניט געוואוסט ווי שטאַרק, ווי רירנדיק איך האָב דיך האָלט.

אוי, עליע, עלטסטער פאַרשטאָרבענער ברודער מיינער — זיבעצן יעריק, שיינענדיק יינגל. איך וואָלט אפילו ניט געקענט אין מיין שטעטעלע זיך גוזעגענען מיט דיר, ביי דיין קבר. עליע, ברודער מיי־נער — פרי־פאַרשניטן יינגל: דער שונא האָט אַפילו דיינע טויטע, יינגלשע ביינער געפּייניקט, דער ווינט האָט דיין יעדן שפּור פאַרטראָגן.

איך אומאָרעם מיין פריינט אהרן, וועלכער איז מיר שטענדיק גע־ווען נאָנט צוליב זיין בייגונג צו איינזאַמקייט און פאַר זיין אויסמיידן דאָס יאָגעניש נאָך אייגענעם דערפאָלג אין לעבן.

איך געזעגן זיך מיט מיין חבר מאיר. פריינט מיינער, נעם ווי אַ פאַרטרערטן בלומען־גאָרטן די אַלע יאָנטעוודיקע שעהן וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט דורך אונדזער לאַנגער, שיינער חברשאַפט.

איך דריק וואַרעם די האַנט פון יעדן פריינט.

כדי אויסצומיידן סברות, ווייל איך פאַרזיכער אַז קיין שום פרוי האָט ניט צוגעלייגט קיין איין טראָפּן סם צו מיין טויטלעכן בעכער. פאַר־קערט, מיט דער אויסנאַם פון דער זעלטענער בלענטשי; און אויך יהודית, וועלכע האָט אַמאָל אומדערוואַרטעט געלאָזט ביי מיין טיר אַ „מינסטער"־קעז „סענדוויטש", ווען איך בין געווען שטאַרק פאַרהונגערט. (איך האָב שויןביידן יאָרן לאַנג ניט געזען.) פיל איך ניט איצטער די נאָנטקייט פון קיין איין פרוי, וועלכע זאָל האָבן די ווערט דאָ דערמאָנט צו ווערן.

איך שיק אַ קוש און אַ בלום צו יעדן מיידל, מיט וועמען איך האָב ווען עס איז געהאַט אַ גוטע מינוט.

ווי, מען טאָר ניט מיט יידישע אותיות פאַרצייכענען דעם אייגענעם אומקום. „ווען משה איז אַרויף אויפן הימל, האָט ער געפונען גאָט אָנ־טאָנדיק קרוינען אויף די אותיות" („בשעת שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה כותב כתרים לאותיות".)

ווי, איך שטאַרב ניט צוזאַמען מיט אונדזערע קדושים אויף קדוש השם.

איך שטאַרב מיט דער טרייסט אַז מיין פאָלק וועט אייביק לעבן.

„די יסורים פאַרגייען, מיין פאָלק בלייבט" („היסורים כלין, והם בקומם עומדים")

מיט טרערן אין די אויגן, מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט פאַר אַלץ וואָס איז און וועט זיין שיין אין לעבן, געזעגן אוך זיך מיט דיר, אָ, גע־רעכטער, קעמפנדיקער מענטש פון היינט און מיר דיר, אָ, באַפרייטער, זיגערישער מענטש פון מאָרגן. זייט געזונט.

אייער ל י י ז ע ר

זייט געזונט

„זייט געזונטערהייט, מיינע ליבע עלטערן:
איך פאָר פון אייך אוועק,
אין אַ ווייטן וועג:
וואו קיין ווינט ווייעט ניט,
וואו קיין האָן קרייעט ניט
און וואו קיין פויגל פליט ניט".
פון אַ פאָלק ליד.

אַ תליונס געלעכטער

איך האָב געהערט אַ תליון לאַכן.
ווי אַ לאַכעדיקע תליה האָט ער קעגן מיר געגרווילט.
די אויגן — צוויי שדים האָבן אַזש פון קייכן זיך פאַרמאַכט.
דער תליון מיט גרייטע פעטליעס צוויי, אָנשטאָט הענט,
האָט קינד און בלום, דיר און מיר געגלעט.
אוי, זיין געלעכטער האָט אַלע מיינע זומערס פאַרפוילט.
דער תליון — אַ סוואַסטיקאַ פון ברעג ביז ברעג,
האָט מיר די זון געבראַכט, ווי אַ טהרה-ברעט.
נאָר אַ שייטערהויפן איז פון דער זון געבליבן
און האָט מיך טויזנט און איינמאָל פאַרברענט.
אַש און ווינט — אַזאַ יאָמערדיקער געוויטער,
האָט גאָט אַליין פון דער אייביקייט פאַרטריבן.

איך האָב געהערט אַ תליון לאַכן.
מאַמע, וואו זאָל איך אַהינטאָן זיך פון זיין געלעכטער.
איבער מיין גוף ריטשען דורות ריטער.
מאַמע, זיין געלעכטער איז אין חלום מיך באַפאַלן,
ווי אַ לעצט גערעוו פון פאַרפייניקטן מיידאַנעק.
איך הער ליכטיקע קינדער אין פאַרגאַזטן כאָרכל זיך בייטן.
איך הער פון שטערן און פון פייגעלעך אַ פלוצלונג פאַלן.
איך הער זיינע מחנות איבער מיין פאָלק רייטן.
זיין געלעכטער קייקלט זיך אין אונדזערע הוילע גערטנער אַראָפּ,
ווי פון אַ מתימדיקער הויך — אַ פאַרסאַמטער קוואַל.
די נאַכט פאַרציט אַ טויטנקרעפּ איבער מיין פאַרזונקענעם קאָפּ.

יעדער שאָטן פאַרט זיך מיט זיין ווערגנדיקער שרעק.
אוי, איך בין זיינער, זיינע — די פרייד פון שעכטן.

⁂

סוויר — שטעטעלע מיינס, אליהו טרייסט אויך אַ פוסט
ווינעלע:
— איי־ליו־ליו, קינד מיינס, דורך גאַז, דורך דייטש, דורך פייער
געיאָגט.
דורך אַלע דייטשן, דורך אַלע טויטן וועט איבעריאָגן,
דעם שרעקנדיקסטן שד — דאָס יידישע, קלאָר־ווייס ציגעלע.
דורך דיינע טויטע אויגן זע איך העל און זיכער אונדזער זיג,
ווי נאָך דעם תליונס נאכט, קומט העל און זיכער אונדזער
פאַרטאָג.
סוויר — שטעטעלע מיינס, אליהו טרייסט אויך אַ פוסט
ווינעלע:
איי־ליו־ליו, איך האָב דעם דייטש — דעם בייטש אין פייער
פאַריאָגט.

⁂

נאכט. איבער די גילדענע חלומות גייט די נאַצי־שרעק אריבער.
וויפל אויגן ס'האָבן פאַרלאָשן דורך אַלע דורות די טיראַנען,
אַזויפל שטערן טרויערן דורך די לאַדנס פון די ווייסטע שטיבער.
נאכט. איבער די גילדענע חלומות גייט די נאַצי־שרעק אריבער.
אַ מיידל שעפּטשעט: „גאָט, אפילו פון מיין ליבסטן איז מיר
דער טויט ליבער.
אין מיין בלוט זיינען די שייטערהויפנס פון אַלע אַמאָלן
פאַראַנען."
נאכט. איבער די גילדענע חלומות גייט די נאַצי־שרעק
אריבער.
דאָ, אין מאַרך און אַש פון סוויר איז אויך מיין וויג געשטאַנען.

— מיידל, דורך דעם פּחד פון סוויר אַזאַ צאַרטע נאַכט.
דער מאַי מיט פייגל, טרוימען און בלומען אין אַ פרילינג-קרייז.
— ניין, די לבנה איז אַ בלייך געבעט איבער אַ געהאַנגענעם
גרייז.
דורך דעם פּחד פון סוויר, פאַרשאָלטן זיי, אָ, צאַרטע נאַכט!
— מיידל, גרינגער ווערט דאָס טאָגן, ווייל שווערער ווערט די
שפּעטע נאַכט.
איבער די שאָטנס פון אומקום גייט אליהו הנביא אַרום,
און שפּרייט דורך דעם פּחד פון סוויר אַזאַ צאַרטע נאַכט.
אָ, נאָך אַזויפל מאַיען און פייגל ווארטן אין אַ פרילינג-קרייז.

⁂

אַ בית-עולמדיקן פרילינג וועט אונדז דער שונא לאָזן.
אַ טראָפּן זון וועט דערמאָנען אין אַ צערונען אויג פון אַ קינד.
איבער יעדן דאָרן וועט גאָט אַליין בלוטיקן פאַר זיינע זינד.
אַ בית-עולמדיקן פרילינג וועט אונדז דער שונא לאָזן,
גרינען וועט נאָך לאַנג זיין קראַנקער האָס דורך די קינדישע
גראָזן,
און לאַנג וועלן סודן זיך די ווידוים וואָס צעזייט האָט דער
ווינט.
אַ בית-עולמדיקן פרילינג וועט אונדז דער שונא לאָזן.
אַ טראָפּן זון וועט דערמאָנען אין אַ צערונען אויג פון אַ קינד.

⁂

ווי וועלן מיר אויף דער ערד פון געוועזענע געטאָס טרעטן,
אַז פון יעדן שטויבעלע גרוילט אַרויס אַ פאַרגאַזט לעבן
און ס'טוט יעדן ווינטעלע וויי דורך די וואונדן צו שוועבן?
ווי וועלן מיר אויף דער ערד פון געוועזענע געטאָס טרעטן?
גאָט וועט פאַלן צו די קברים און ביי די טויטע מחילה בעטן,
נאָר ס'וועלן אים די טויטע ביז סוף פון צייט ניט פאַרגעבן.
ווי וועלן מיר אויף דער ערד פון פאַרפייניקטע געטאָס טרעטן,
אַז פון יעדן שטויבעלע גרוילט אַרויס אַ פאַרגאַזט לעבן.

⁂

אוי, זיי געזונט, מיין זעקס און דרייסיקסטע יאָר:
איך האָב דיך באַשערט אַ לעצטער זיין.
אַ פאַרמשפּטער טראָג איך דיינע וואונדער,
איך בין פאַרליבט אין דיין יעדן טראָפּן שיין.
מיט אַזויפל וואונדער אין געמיט,
גיי איך פון אייגן בלענד,
העל און שיכור אום
און הער —
ווי עס שאַלן אַלע גאַסן מיין הילכיקע פרייד צו דיר, —
נאָר פּלוצים כאַפּט מיך אָרום,
די גוטע מומע ביילקע מיט פאַרצווייפלטע הענט
און ברענגט מיך אין פּאָלעגאָן,*
און איך בלייב ווי זי דערוואָרגן,
אין פאַרשאָלטענעם פּאָלעגאָן.

אוי, זיי געזונט, מיין זעקס און דרייסיקסטע יאָר:
איך האָב דיך באַשערט אַ לעצטער זיין.
איך וואָלט גאָר דיין בלי, גאָר דיין ליכט, גאָר דיין גבורה,
ווי אַ הויפן זונאויפגאַנג, אין אָט דער נאַכט פאַרבאָרגן,
און ווי אין אַ חדר־מעשהלע פון גאַפנדיקן צויבער,
ווערן דאָס נאָך ניט געבאָרענע קינד,
וואָס פירט דעם וואָלף און דאָס שעפעלע צום איבערמאָרגן.

⁂

פון מיינע זיבעצן שטאַרקע פעטערס איז נאָר די שטריק גע־
בליבן,
און געבליבן איז דער דייטש צו חוזקן פון אונדזער געוויין.
פון אַזויפל שטעטעלעך איז אַ בלינדנס נאַכט געבליבן:
פון אַ ווייטער פּלייט — אַן אומקומדיק געוויין.

*) פּאָלעגאָן — איינער פון די נאַצישע מאָרד לאַגערן פאַר די ליט־
ווישע יידן, הינטער סווינציאַנקע.

נאָר דו, אַ, שטריק געטרייע, קענסט זיך ביז צום טויט פאַר־ליבן,
און היילן מיינע וואונדן קענסט נאָר דו אַ, שטריק אליין.
האַלדז מיך ביז וואַנזין, ליב מיך ביז ניט ווערן.
מיט דער שטריק,
זיך האַלדזנדיק,
אַ, נעם, מיין פאַלק, אַ לעצטן קוש —
פון אָט די פאַרליבטע לידער.
ביזן דעק פון בעכער וועל איך זיך דיר געבן.
ווײ,
אַ שאָד דאָס זוניקע מיידל, אַ שאָד די שטערן.

*
* *

אַ, ריין בין איך מאַמע, ריין ווי די ריינקייט אליין,
כאָטש פול בין איך מיט פאַרשפּילטע טעג,
ווי מיט ווערימדיקע פרוכט אַ פאַרלאָזטער סאָד.
ווי אַלע פוילעלנישן פון דער ערד איז אין דער ריינסטער בלום,
אַזוי זיינען אַלע גרוילן פון לעבן, אין מיין לויטערן בליק,
אַזוי בין איך מיט אַלע מיינע זינד, מאַמע שיין,
נאָר אַז איך האָב אַליין זיך צום טויט פאַרמשפּט, מאַמע,
בין איך מסתמא ווערט די שטריק.

* *
*

איך בין אַליין מיין קרבן.
איך בין אַליין מיין תליון.
אוי, מאַמע איך בין אַ תליון.
איך, דיין קינד, בין מיט מאָרד, מיט קאַלטן פּול,
ניט חלילה קעגן מענטש ניט קעגן חיה,
ניט קעגן דאָס מינדסטע פליגעלע אפילו,
נאָר קעגן זיך אַליין, מאַמע.

* *
*

איך וועל ניט פאַרשווינדן, מאַמע:
צוריק־צוריק—
ווייט־ווייט, הינטער מיין ערשט געשריי אויף דער וועלט,
צוריק צום פאַר־געבוירן וועל איך קומען.
אין בלינדן חלל וועל איך וואַרטן:
נאָט זאָל מיך הייסן אין אַן ערשטן שטראַל זיך צעצינדן.

***

אוי, טאַטע,
איוב האָט פאַרשאָלטן אויך דעם טאָג פון מיין געבאָרן.
איך זע מיינע יאָרן אָרום מיר, ווי טרויער־ליכט.
די זון האָט גיך אַזוי איבער מיר שוין אויסגעברענט,
בין איך איצט צום פייער, ווי יצחק אָבינו גרייט,
גרייט פאַר יענעם פייער פון אונדזער אייביקן פאַרטאָג.
אוי, טאַטע,
ווען דו וואָלסט ווי אַברהם צו דער עקדה מיך פירן,
וואָלט אפשר אַ מלאך דעם טויט פונעם חלף פאַריאָגן.
נאָר איך וועל אַליין מיין גבורהדיקן גוף צו גאָט באַגלייטן,
בלייבן וועט גאָט זיך קאָרטשן אין יעדן פיין פון דיין געזיכט
און בלייבן וועל איך אויף נאַקעטע צווייגן — אַ קראַנק אַפּרילן.

***

זייט געזונט, אַ, דריי סווירער ברידער מיינע:
שלום־בער, משה, ישראל־יוסף.
ווי דריי דעמבעס אין אַ שטורעם הער איך אייך קלאָגן;
און דישע — מיין האַסטיקע שוועסטער,
איבער מיין קבר — אַ יאָמערדיקע בת־יחידה.

זייט געזונט, מיינע פרעמדע, יתומימדיקע קינדער,
איר וואָס זייט געוועזן יתומים נאָך ביי מיין לעבן:
וויי,
איך האָב אייך מיין פאַרשאָלטן בלוט געגעבן.

זיי געזונט, אַ, מאיר — חבר מיינער:
ייד, ציגיינער און באָלשעוויק —
פאַר די שענסטע פרויען ביסטו געוועזן דער אַכטער וואונדער.
זייט געזונט איר אַלע וואָס וועט דערקענען,
אין לעצטן און אין ערשטן שטראַל — מיין יידישן אַנבליק.

זייט געזונט

ישראל־יוסף — אויסדערווײלטער יוסף:
פון די דריי ברידער מיינע — איינאונאיינציקער דו.
דו ווייסט ניט אַז יעדעם מאָל ביים געזעגענען זיך,
בלייב איך אין מיין גרויען צימערל,
גרייט מיט אַלע פאַרגאַנגענע זונען זיך באַגעגענען.

ישראל־יוסף — אויסדערווײלטער יוסף:
ניט נאָר מיין פאָלק, פון קינד ביז גאָט —
אין פאַרגאַזטע טרעבלינקאָס דערוואָרגן,
אויך מיין אייגענער טרויער,
אין אַלדאָסבייז אין מיר איינגעגעסן,
וועט בייטן מיין רוישיקן געלעכטער אויף בית־עולם רו,
נאָר ס׳וועט אפילו אַ גרעזעלע מיינס ניט פאַרגעסן,
די פרייד וואָס איז באַשערט דעם נאָענטן מאָרגן.

אָ, מיט באַשערטער פרייד פון נאָענטן מאָרגן,
וועל איך פון העכסטן גאָרן שפּרינגען,
און צום טויט וועל איך ניט פאַלן.
ווי אין אַ חלום — אַ פאַנטאַסטישער פויגל,
וועל איך גרינג אַזוי אַ פלי טאָן,
ניט צום שטיינערנעם נידער,
נאָר צום העכסטן עטער;
און זיין וועל איך, ווי אַ פאַלן אין דער הויך,
פון דער ערד — אַן אַנטלאָפענער שטראַל.
ווי אַ פּאַק צעשאָטענע לידער וועל איך אין ווינט דורכשוועבן,
און בלייבן וועט הינטער מיר:
מיין בלוט — אַן ערשטער צייכן פון זונאויפגאַנג.

ישראל־יוסף — אויסדערווײלטער יוסף —
פון אַלע חברים מיינע — איינאונאיינציקער דו:
מיט אַ פאַלנדיקער רגע,
וועל איך דער זיצנדיקער אייביקייט איבערלעבן.
איך וועל אין ליכטיקן צעשמעטער,
פון גאָר מיין ליבשאַפט צו דיר זינגען.

מיידל

מיידל,
נאָך אַ גליענדיקער רגע,
ניט גיב מיר אַ פאַרלאָשענעם מעת-לעת.
ניט שרעק מיך טייערע מיט גרויען גלייכגילט.
דו זאָלסט מיר שטענדיק זיין — אינגאַנצן וואונדער,
און איך — דיר: אינגאַנצן נס.

איז וואָס —
אַז מיינע טעג וועל איך,
ווי ניט פאַרזוכטן וויין צעגיסן.
דער מענטש וועט אייביק מיט אונדזער ליבע ליבן.
פאַרליבטע פייגל וועלן זינגען ניט דערזונגענע לידער.
און איך וועל אַ צעצוויטער פון אַלע גערטנער דיך גריסן.

און ווייל איך וויים גענוי,
וויפל טעג ס'זיינען מיר דאָ אויף דער וועלט געבליבן,
לאָמיר מיידל, ווייב — לעצטע פרוי,
שטאַרקער, שטאַרקער, ביז ניי-געבאָרן זיך ליבן.

מיידל,
איך וועל דעם העלסטן טאָג אין דיר פאַרפלאַנצן.
מיידל,
לאָמיר אין איין רגע — מיינע פרי-פאַרשניטענע יאָרן אויס-
טאַנצן.

היי, מיידל, לאָמיר טאַנצן, לאָמיר טאַנצן מיידל —
לייב דורך לייב, האַרץ דורך האַרץ,
ווי נאַכט און זון, אין אַ פאַרטאָגיקן געפלעכט:
איך — נאַכט, דו — זון,
לאָמיר אַ נייעם אָדם הראשון באַשאַפן.

אין 1947

איך וועל דערמאָנען אין אַן ערשטן פרילינג.
ווי אַ ניי־געבאָרענער איז ניי מיט לעבן,
וועל איך זיין ניי מיט טויט.
און מיניען זיך וועט דאָס לעבן איבער מיר:
מיט טרערן, מיט גליק און מיט אומגליק;
מיט בלומען, מיט מיידלעך און מיט שטערן.

פריינט מיינע,
פאַר אייך איז נאָך פאַראַן:
אַזויפל לעבן אפילו אין חלומען פון טויט,
אַזויפל לעבן אפילו אין אומגליק, אין גליק און אין טרערן.
אפילו אין אָפענע וואונדן לעבט אַ פיינלעכע שיין.

און ניט דערפאַר, פריינט מיינע, טרויער איך,
וואָס איבער מיר וועט דאָס לעבן אייביק לעבן,
און איך וועל זיין אייביק טויט. —
נאָר דערפאַר,
וואָס איך בין אַ זעלבסטמערדער אין לעבן;

איך וועל ניט קענען זיין אַ זעלבסטמערדער נאָך מיין טויט.

***

אָ, ווען איך וואָלט נאָך מיין טויט, כאָטש אַ טויטער בעטלער זיין,
וואָלט איך טויטערהייט, אַנשטאָט גראָשנס, בעטלען רגעס לעבן,
נאָר ווער וועט נאָך מיין טויט אפילו אַ רגע צער מיר שענקען?
ווער וועט אַ וואונק ליכט פאַר מיין גאַנצער אייביקייט מיר געבן?
אָ, ווי קראַנק איז דער וואָס גאַרט נאָך דער שיינקייט פון בית־עולמדיקן צווייט.
ווי איבעריק איז דער וואָס „מוז" פרי אַזוי נאָך אַ קבר בענקען.
ווי מנובלדיק איז דער וואָס טרייסט זיך מיט דער שוואַרצער, באַבלומטער רו.
אָ, גיב מיר גאָט דעם לעבעדיקן צאָרן פון דער שרייענדיקער וואונד!

אָוונט.
די זון איז געפאַלן, ווי אונטער אַן עשאַפאָט.
אַ, ליד מיינס — מיין פרי פאַרשטומט געזאַנג:
ווי אָט דער פאַרבענקטער אָוונט,
ביסטו צום שטויב פאַרמשפּט —
אַ דאַנק דיר שטויב וואָס דו וועסט פאַרדעקן מיינע אויגן.

העלף מיר גאָט,
איך זאָל היינט זען צום לעצטן מאָל די זון פאַרגיין.
איך זאָל היינט רוען מיט דיין אייביקייט באַנאַנד.
איך זאָל היינט באַהעפטן זיך מיט נאַכט, מיט גראָז, מיט שטיין.
פיר מיך דורך חלום און דורך שטערן —
צו דיין אויסגעטרוימטן לאַנד.

העלף מיר גאָט,
אַז ביז מיין לעצטן שטראַל וועט די נאַכט פאַרדעקן,
זאָל זיין מיין ליד — אַ שריפה דורך אַ שטורעם —
ניט אָט די שריפה פון דער שפּעטער זון.
גאָט,
ניט פאַר מיין לעבן, פאַר מיין טויט זינג איך דיר אַ לויב.

העלף מיר גאָט,
אַז ביי דער לעצטער רגע זאָל מיר זון קלעקן,
צו זען פון מיין ברעג — אַ נייעם בראשית טאָגן;
צו זען פון אַלע מאָרגנדיקע דורות — דעם האָפערדיקן גאַנג,
צו זען פון יעדן אָוונטדיקן סוף — דעם פאַרטאָגיקן אָנהייב.
אַ דאַנק דיר גאָט וואָס איך וועל נאָך זיין אין רעגנבויגן.

***

די גבורה פון אוראַלט — אין מיין יעדן טראָט,
די פרייד פון מאָרגן — אין מיין לויטערן געמיט.
איך שפּאַן — אַ גיבור,
ווי דורך אַ קינדישן חלום, דורך דער פאַנטאַסטישער שטאָט,
און מיר איז אַצינד — אַ לעבעדיק ווערימל פון שענסטן טויט
ליבער.

יע, איך וועל לעבן! לעבן! לעבן!
און ווען זיין וועט מיר באַשערט,
פאַרשטאַרט זיך לייגן, אונטער קברימדיקער ערד,
לייג מיך גאָט, ווי דעם פולן זאָמען,
וואָס וואַרט געדולדיק, אויף דער הייליקער מינוט,
(אונטער אַ ווינטערדיק פעלד, מיט שנייאיקע תכריכים צוגע-
דעקט),
דעם היים בלוטיקן זומער זיך אָפּצוגעבן;
אַז אויך פון פאַרלאָרענע תהומען,
זאָל איך זיך רייסן — צו דער זון,
אַז זיין זאָל איך אין דער טאָרנאַדאָ דער גערעכטער,
פון מענטש און קאָבעדיקע בערג-טיפעניש אויפגעוועקט.

וואָס בלינדער דער חושך, אַלץ העלער דאָס טאָגן.
יעדן שד פון היינט וועט משפטן אַ מלאך פון מאָרגן,
ווי עס ווערט אין די קלוגע ספרים באַשריבן.
איבער תפיסות און תליות וועט זיגן די קינדישע פרייד —
אַ הייפעלע קינדער איז אונדז נאָך פון פּאָנאַר * געבליבן.

אָ, ס'וועט דער מענטש — דאָס קינד פון האַס, קענען נאָר ליבן.
האָפערדיק פאַרגייט, אין אָט דער שוואַרצער שעה,
אויך דער בלוטיקסטער פלעק פון מיין לעצטן זונפאַרגאַנג.
און כאָטש איך האַלט זיך אין מיין זעלבסטמאָרד־שטריק,
ווי איך פלעג אַמאָל,
אין דעם זיכערן ברעג פון מיין מאַמעס קלייד זיך האַלטן;
און כאָטש איך בין אַצינד — אַן אימהדיק געזאַנג,
אַ פאַרפאַלן קלאָגן, דורך קלעפּיקע שפּין־געוועבן, —
בין איך פון וואונד ביז וואונד, נאָר גליק און גליק —
אָ, גליק פון אייביקן לעבן,
דיך וועלן די שאָטנס פון בית־עולם קיינמאָל ניט פאַרהאַלטן.

פאַראַן אין דער בלינדסטער נאַכט — אַן אָנזאָג אויף זונאויפּ־
גאַנג.
פאַראַן אין אַ טרער — דער גלאַנץ פון אַן ערשטן שטראַל.
פאַראַן אַ שטייגן אויך אין אונדזער פאַלן.
פאַראַן אין דער בלינדסטער נאַכט — אַן אָנזאָג אויף זונאויפּ־
גאַנג.
אָ, ס'ווערט קיין שאָטן פון אונדז סתם אַזוי ניט פאַרגאַנגען.
ס'ווערט קיין פּיין אין אַגאָניע פון שטאַרבן ניט פאַרפאַלן.
פאַראַן אין דער בלינדסטער נאַכט — אַן אָנזאָג אויף זונאויפּ־
גאַנג.
פאַראַן אין אַ טרער — דער גלאַנץ פון אַן ערשטן שטראַל.

---

* פּאָנאַר — איינער פון די טויט־לאַגערן אין ליטע.

אונדזער טיש

1

אונדזער טיש איז געווען אַמאָל אַ בוים.
אַ פויגל האָט זיך דאָ אַ נעסט געבויט,
און ס'האָט אין קילן שאָטן פון דעם בוים,
דער וואַנדערער — די שטערן זיך פאַרטרויט.

צי פון פרילינג חלומט דער צעזעגטער בוים?
אַש פון ביינער האָט דעם חלום פאַרשוואַרצט.
ברידער, שוועסטער, זאָגט קדיש ביי דעם בוים.
ווי, דער העקער האָט אויסגעהאַקט דאָס האַרץ.

געבליבן איז אונדז אַ לאַנגער ווינטער,
נאָר דער טויט שווייגט מיט אומרו פון לעבן.
דער טיש וועט ווי אַ בוים זיין אויפגעגרינט.
אָ, זאָל נאָר משיח פאַרביישוועבן.

פאָלק מיינס, משיח אויף אַ ווייסן פערד!
זע, אָט רייט ער! אָט רופט ער! אָט לויכט ער!

2

אונדזער טיש איז צוריק צום בוים געגאַנגען.
אַ, פֿלאַטערט פֿייגל לאַנג פֿאַרפֿלויגענע.
דער בוים פֿון מאָרגן — אַן אמאַליק געזאַנג.
אויף דעם בוים — אַ פֿאַן: אַ רעגנבויגן.

די פֿיס — פֿיר גלאָמפּן ווערן צווייגן ווידער:
אונדזער בוים — אַ שמשון אין ברודער־וואַלד.
אַ, אויף אונדזער בוים איז יעדעס בלאַט אַ ייִד,
און מאַמע־לשון רוישט דורך אונדזער וואַלד.

אוי, טיש, טישעלע, אוי, ביימעלע טייערס;
אַ לויב דיין גבורה, טישעלע מיינס — בוים:
נייך, ביסט ניט געוואָרן איינגאַנצן פֿייער,
ניט גאָלע רויך דורך דעם שונאס קוימען.

קראַנק ביימעלע, ווערסט אַ פֿרילינגדיקער דור.
דיין שטאַם איז נאָך באַשערט אייביקע יאָרן.

צום שמעטערלינג

דער שמעטערלינג גרייט זיך צו פאַרגיין,ביים ערשטן גלי פון
געבוירן ווערן.
אַזויפל שאָטנס איילן אַן איינציקן שמעטערלינג באַפאַלן:
דיין טאָג — מיין לעבן: אונדזער וועלט קומט אום ביי דעם
אָנקום פון אָט די שטערן.
אָ, שמעטערלינג, ביים ברעג פון דיין טאָג, זע איך אַלע זיילן
פאַלן.

איך ווער אַ הארבסט אַזאַ וואו ס'איז מער ניטאָ, ניט קיין
ליבסטע, ניט קיין בלומען.
מיר ווען בלייבן אינעם ווינט נאָך אַ נעכטיקן טאָג זיך יאָגן.
קענגן מיר, ווי קענגן דיר, וועט אַ נאַכט אַזאַ — אַ בלינדע
עקרה קומען.
אָ, יענע מדבר־נאַכט וואָס קען שוין ניט געבאָרן קיין פאַר־
טאָגן.

אָ, שמעטערלינג, איך בין ווי דו אויפגעגאַנגען אַזוי באַגינענ־
דיק־קלאָר,
איך וועל ווי דו מיט הענט — פאַרבענקטע פליגל, ביי אַ פענצ־
טער פאַרגיין.
אָ,ביי מיין טויט זאָל איך, ווי אַ לעצטער שטראַל, צעהעלן מיין
גרויזאַמען דור,
ווי דו מיט דער הויך פאַרצווילינגט, ניט ווערן, אַזוי אָוונטדיק־
ריין.

בלייבן וועט שולמית — מיין געטרייע, ביי אַ צעדערבוים,
מיט די קושן פון מיין מויל, שיר־השירימדיק פון מיר טרוימען.

שיר השירים (א)

און

רש״יס פירוש

א א שיר השירים וואָס פון שלמהן:

ב זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל,
ווייל בעסער איז דיין ליבע פון וויין.

ג גוט איז דער ריח פון דיינע איילן.
געזאַלבטער בוימאייל איז דיין נאָמען,
האָבן בתולות דערפאַר דיך האָלט.

ד צי מיך, וועלן מיר לויפן נאָך דיר.
געבראַכט האָט מיך דער מלך אין זיינע שטובן,
וועלן מיר יאָנטעוודיק און פריילעך זיין מיט דיר.
מיר וועלן דערמאָנען דיין ליבע מער פון וויין.
גערעכט האָט מען דיך האָלט.

ה איך בין שוואַרץ, נאָר מלא חן:
טעכטער פון ירושלים —
ווי די געצעלטן פון קדר,
ווי שלמהס פאָרהאַנגען.

ו ניט קוקט מיך אָן, וואָס איך בין שוואַרץ־כענעוודיק,
ווייל דורכגעגליט האָט מיך די זון.
ס׳האָבן מיין מאַמעס זין געצאָרנט קעגן מיר.
זיי האָבן מיך געשטעלט — אַ וועכטערין פון די
ווייַנגערטנער,
מיין אייגענעם וויינגאָרטן האָב איך ניט געהיט.

ז זאָג מיר דו, וועמען ליב האָט מיין געביין, —
וואו פיטערסטו?
וואו רועו דיינע שאָף, אין האַלבן טאָג?
אַלמאַי זאָל איך, ווי אַ קלאָגערין זיין,
ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים?

ח אויב דו ווייסט אַליין ניט,
דו שענסטע פון פרויען, —
גיי דיר נאָך די שפּורן פון די שאָף
און פּיטער דיינע ציגעלעך,
ביי די געצעלטן פון די פּאַסטוכער.

ט צו אַ פערדל אין פּרעהס רייטוואָגן,
האָב איך פאַרגליכן דיך, מיין געטרייע.

י שיין זיינען דיינע באַקן און פליטערלעך,
דיין האַלדז אין שנירלעך פּערל.

יא גילדענע פלעכטן וועלן מיר דיר מאַכן,
מיט נקודות פון זילבער.

יב בעת אָנגעלענט איז געווען דער מלך,
האָט באַרויִשט דער דופט פון מיין נאַרד.

יג אַ בונט מירע איז מיר מיין געטרייער,
צווישן מיינע בריסט זאָל ער נעכטיקן.

יד אַ שטענגל בשמים איז מיר מיין געטרייער,
אין די וויין־גערטנער פון עין־גדי.

טו יע, ביסט שיין, מיין געטרייע, ביסט שיין,
דיינע אויגן — טויבן.

טז יע, ביסט שיין מיין געטרייער און גלוסטיק,
זומערדיק איז אויך אונדזער געלעגער.

יז די זיילן פון אונדזער הויז — צעדער־ביימער.
די ברעטער פון אונדזערע ווענט — ציפּרעס־ביימער.

רש״ים פירוש

רש״י: רבנו שלמה יצחקי — 1040—1105

רבי אליעזר אומר: אם יהיו כל הימים — דיו ואגמים — קולמוסין, ושמים וארץ — מגלות, וכל בני אָדם — לבלרים, אין מספיקין לכתוב תורה.

רבי אליעזר זאָגט: אפילו ווען אַלע ימים זאָלן ווערן טינט און אַלע גראָזן — פעדער און דער הימל און די ערד — מגילות און אַלע מענטשן — שרייבער, וואָלטן זיי ניט קענען באַ־שרייבן די תורה.

מדרש שיר השירים א—כ.

(א) שיר השירים וואָס פון שלמהן:

אונדזערע רבנן האָבן געלערנט: (אַלמאַי מען האָט אים ניט געיחוסט נאָך זיין טאַטן, ווי אין משלי און קהלת) איט־לעך מאָל וואָס שלמה ווערט דערמאָנט אין שיר השירים, איז הייליק אַ מלך וואָס צו אים געהערט דער שלום. ס׳איז אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען וואָס איז געזאָגט געוואָרן צו גאָט פון זיין עדה און זיין פאָלק: כנסת ישראל.

רבי עקיבא האָט געזאָגט: די וועלט איז ניט ווערט גע־ווען, ווי דער טאָג וואָס אין אים איז געגעבן געוואָרן שיר השירים צו ישראל, ווייל אַלע כתובים זיינען הייליק, נאָר שיר השירים איז די הייליקסטע הייליקייט. (מדרש שיר השירים א).

רבי אליעזר, דער זון פון עזריה האָט געזאָגט: צו וואָס איז די זאַך געגליכן?

צו אַ מלך וואָס האָט גענומען אַ מאָס ווייץ און געגעבן צום בעקער און געזאָגט צו אים: נעם מיר אַרויס אַזויפל און אַזויפל זעמל־מעל, אַזויפל און אַזויפל קלייען, אַזויפל און אַזויפל מעקענע און זיפּ מיר אויס פון דעם אַ קוכן, אויסגעזיפּט און בעסער נאָך. אַזוי זיינען אַלע כתובים הייליק, נאָר שיר השירים איז די הייליקסטע הייליקייט, ווייל ס׳איז אינגאַנצן יראת־שמים און האָט גענומען אויף זיך דעם יאָך פון זיין מלכות.

(ב) זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל:

זי זאָגט דאָס ליד, מיט איר מויל — אין איר גלות און אין איר אַלמנה־שטאַנד: איך וואָלט גערן געוואָלט, דער מלך שלמה זאָל מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל, ווי פאַרצייטן, ווייל פאַראַן זיינען ערטער וואו מען קושט אויף דער פלאַך פון האַנט און אויפן אַקסל, נאָר איך גלוסט און דורשט ער זאָל זיך נוהג זיין מיט מיר, לויט דעם ערשטן מנהג, ווי אַ חתן צו אַ כלה: מויל צו מויל, ווייל בעסער איז מיר דיין ליבע פון יעדן וויין־מאָלצייט און פון יעדער שמחה און פאַרגעניגן. און אין עברי לשון רופט מען איטלעכע סעודה, שמחה און פאַרגעניגן אויף דעם נאָמען פון וויין, צו דער זאַך, ווי ס׳ווערט געזאָגט: (אסתר ז—ח) „צום הויז פון וויין־מאָלצייט", „מיט אַ ליד טרינקט מען ניט קיין וויין", און ער איז געווען ווי אַ האַרף, ווי אַ גיטאַר, ווי אַ פויק און ווי אַ פייפל און דער וויין פון זייער מאָלצייט" (ישעיה כד—ט), ס׳איז דער טייטש פונעם פשט. און עס ווערט געזאָגט אַ משל אַקעגן אים, פון וועגן דעם וואָס ער האָט זיי געגעבן זיין תורה און האָט גע־רעדט צו זיי מויל צו מויל און יענע ליבשאַפט איז נאָך זיי זי־סער פון אַלע פאַרגעניגנס. און זיי זיינען פאַרזיכערט געוואָרן פון אים, צו שיינען נאָך איבער זיי, צו באַשיידן זיי דעם סוד פון איר טעם און דאָס פאַרהוילענע פון אירע באַהעלטענישן און ער שטאַרקט זיין פנים מקיים צו זיין זיין צוזאָג און דאָס באַדייט:

„זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פון זיין מויל".

(ג) גוט איז דער ריח פון דיינע איילן:

אַ גוטער נאָמען ווערט גערופן אויף דעם נאָמען פון גוטן אייל. (קהלת ז—ז) גוט איז דער ריח פון דיינע איילן, ווייל דער ריח אין זיי (גרייכט) ביז אַלע עקן פון דער ערד, — וואָס מיר האָבן געהערט דיין גוטע בשורה, ווען דו האָסט אויפגעטאָן מוראדיקס אין מצרים. געזאַלבטער בוימאייל איז דיין נאָמען, מען זאָל קענען זאָגן וועגן דיר: דו ביסט אַ בוימאייל וואָס ווערט געגאָסן צו בלייבן אויף שטענדיק, דיין זיסער ריח זאָל אַרויס אין דער וועלט, ווייל אַזוי איז דער שטייגער פון זיסן בוימאייל: דורך דער גאַנצער צייט וואָס ס׳איז אין זיין פלעשל פאַרחתמעט, שלאָגט זיין

ריח ניט אַרויס, עפּנט מען אים און מען גיסט זיין בוימאייל איבער אין אַן אַנדער כלי, שלאָגט זיין ריח אַרויס.

האָבן בתולות דערפאַר דיך האָלט: איז געקומען יתרו, לויט דעם קלאַנג וואָס ער האָט געהערט און האָט זיך מגייר געווען. אויך רחב, די זונה האָט געזאָגט: „ווייל מיר האָבן געהערט ווי גאָט האָט אויסגעטריקנט" א. א. וו. (די וואַסערן פון ים־סוף) (יהושע ב—י) און דערנאָך: „ווייל גאָט אייער גאָט, ער איז גאָט אין הימל" א. א. וו. (יהושע ב—יא).

עלמות: בתולות, ווייל דאָס געריד האָט אים געגליכן צו אַ בחור וואָס זיין געטרייע צערטלט אים און ווערליק דעם משל פון די בתולות זיינען זיי די געצנדינער.

(ד) צי מיך, וועלן מיר לויפן נאָך דיר:

איך האָב געהערט פון דיינע שלוחים אַ רמז אַז דו האָסט געזאָגט, ווּעסט מיך ציען און איך האָב געענטפערט: וועלן מיר לויפן נאָך דיר, צו זיין דיר אַ ווייב.

געבראַכט האָט מיך דער מלך אין זיינע שטובן: און אויך היינט צו טאָג, בין איך נאָך יום־טובדיק און פריילעך וואָס איך האָב זיך באַהעפט מיט דיר.

מיר וועלן דערמאָנען דיין ליבע: אויך אַצינד צווישן לעבעדיקע אַלמנות, וועל איך שטענדיק דערמאָנען דיין ערשטע ליבע מער פון יעדן מאַלצייט, שמחה און פאַרגעניגן.

גערעכט האָט מען דיך האָלט: אַ שטאַרקע ליבע, אַ גערעכטע ליבע, אָן אָפּנאַרעריי און פאַלשקייטן, (לויט דעם נוסח פון פסוק: „און דאָס קרומע וועט גלייך ווערן און די געבערג — אַ טאָל".) (ישעיה מ—ד) וואָס איך און מיינע אָבות האָבן דיך האָלט געהאַט אין יענע טעג. דער פשט איז לויט דעם ענין און ווערליק דעם פאַרגלייך דערמאָנען זיי אים די גנאָד פון יוגנט: אַ כלה־ליבשאַפט וואָס איז געגאַנגען נאָך אים אין מדבר — אַ לאַנד פון ווידסטעניש און טויט־שאָטן און אפילו שפּייז האָבן זיי זיך ניט צוגעגרייט און זיי האָבן געגלויבט אין אים און אין זיינע שלוחים און זיי האָבן ניט געזאָגט: ווי אַזוי וועלן מיר אַרויס אין מדבר, ניט קיין אָרט פון פאַרזיי און איבערבייסן. און זיי זיינען געגאַנגען נאָך אים און ער האָט זיי געבראַכט אין חדרים, מיט זיינע וואָלקנס אַרומגענומען, דערפאַר זיינען זיי נאָך היינט יום־טובדיק און פריי-

לעך מיט אים, אויך אין זייער פיין און לייד, און פרייען זיך מיט דער תורה און דאָרט דערמאָנען זיי זייער ליבע מער פון ווייך. און אַ גערעכטע איז זייער ליבע צו אים.

(ה) שוואַרץ, נאָר מלא חן בין איך א. א. וו.

איך זאָל ניט גרינגגעשעצט ווערן אין אייערע אויגן, איר פריינט מיינע, אויב אפילו מיין מאַן האָט מיך פאַרלאָזן צוליב דער שוואַרצקייט אין מיר; ווייל שוואַרץ בין איך מחמת די זון האָט מיך דורכגעגליט און שיין בין איך דורך די געשניצ־טע, שיינע גלידער. אויב איך בין שוואַרץ, ווי די געצעלטן פון קדר וואָס ווערן פאַרשוואַרצט פון די רעגנס, ווייל זיי זיינען שטענדיק פאַרשפּרייט אין די מדבריות, איז מיר גרינג אָפּצוואַשן זיך, צו ווערן ווי שלמהס פאָרהאַנגען.

אָט דעם משל זאָגט זי — די כנסת ישראל אַקעגן די געצנדינער: שוואַרץ בין איך, פון מיינע אייגענע מעשים און חנעוודיק מיט די מעשים פון מיינע אָבות; און אויך אין מיינע אייגענע מעשים איז זייער חן פאַראַנען. אויב אין מיר איז דאָ די זינד פון'עם קאַלב, איז קעגן דעם דאָ אין מיר דער זכות פון מתן־תורה.

און געצנדינער ווערן אָנגערופן די טעכטער פון ירושלים, ווייל זיי זיינען גרייט געווען איבערצואַנדערשן אַלץ וועדליק אַ מעטראָפּאָליע, אַזוי ווי יחזקאל האָט נביאות געזאָגט: „און איך וועל זיי אייך געבן פאַר טעכטער" (יחזקאל טז—סב) אַזוי ווי: „עקרון און אירע דערפער" (יהושע טו—מה).

(ו) ניט קוקט מיך אָן:

איך זאָלט מיר ניט אָנטאָן קיין בזיון (אַזוי ווי אין שמואל א—ו) („ווייל זיי האָבן געזען דעם אָרון פון גאָט"). **וואָס איך בין צוגעשוואַרצט:** ווייל ניט פון מיין מאַמעס איינגעוווייד שטאַמט מיין מאַמעס שוואַרצקייט און מיין מיאוסקייט, נאָר דערפאַר וואָס די זון האָט מיך דורכגעגליט, ווייל פון אַזאַ שוואַרצקייט קען מען גרינג ווייס ווערן, ווען מען שטעלט זיך אין שאָטן.

ס'האָבן מיין מאַמעס זין געצאָרנט קעגן מיר: מען מיינט די זין פון מצרים, וואָס איך האָב זיך געהאַדעוועט צווישן זיי און זיינען אַרויס מיט מיר, מיט אַן ערב רב, זיי האָבן געגרימט

זייער צאָרן קעגן מיר, דורך אויפרייצונג, און איבעררייד ביז זיי האָבן מיך געמאַכט: **אַ וועכטערין פון די וויינגערטנער.** און דאָרט וואו ס'האָט מיך דורכגעגליט די זון און איך בין פאַרשוואַרצט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: מען האָט מיך איבער־געגעבן אין דינסט פון פרעמדע געטער, און דער וויינגאָרטן וואָס איז מיינער געווען, פון מיינע אָבות, האָב איך ניט גע־היט.

אין תנ"ך געפינען מיר פרנסים וואָס ווערן געטייטשט — וויינגערטנער, ווי ס'ווערט געזאָגט: און דענסטמאָל וועל איך איר אָפּגעבן אירע וויינגערטנער (הושע ב—יז) און דער תרגום זאָגט: „און איך וועל אויפנעמען אירע שפּייזגעבער" און אַזוי: „קערט ער זיך ניט אויפן וועג פון די וויינגערטנער" (איוב כד—יח).

(ז) זאָג מיר דו וועמען ליב האָט מיין געביין:

דער רוח הקודש קערט זיך אום און פאַרגלייכט זי צו שאָף וואָס זיינען באַליבט ביים פאַסטוך. די כנסת ישראל רעדט צו אים ווי אַ פרוי צו אַ מאַן: זאָג מיר דו וועמען ליב האָט מיין געביין, ווי אַזוי פּיטערסטו דיינע שאָף צווישן אַט די וועלף וואָס געפינען זיך צווישן זיי און ווי אַזוי רוען דיינע שאָף אין האַלבן טאָג, אין אַט דעם גלות וואָס איז אַן עת צרה פאַר זיי, פונקט ווי דער מיטן טאָג איז אַן עת צרה פאַר די שאָף.

אַלעמאַי זאָל איך ווי אַ קלאָגערין זיין: און אויב דו וועסט זאָגן — וואָס אַרט דיך? איז עס ניט אין דיין כבוד, איך זאָל ווי אַן אבלה זיין, פאַרשלייערט איבער די ליפּן, באַוויינענדיק מיינע שאָף.

ביי די סטאַדעס פון דיינע חברים: לעבן די סטאַדעס פון די איבעריקע פאַסטוכער וואָס זיי פּיטערן די שאָף אַזוי ווי דו, אַזוי צו זאָגן, צווישן מחנות געצנדינער וואָס זיינען אָנגע־לענט אין פרעמדע געטער און פאַראַן ביי זיי מלכים און הארן וואָס פירן זיי.

(ח) אויב דו ווייסט אַליין ניט:

ס'איז דער ענטפער פונעם פאַסטוך, אויב דו ווייסט ניט אַליין וואוהין צו פּיטערן דיינע שאָף, דו שענסטע פון פרויען,

ווייל אויפגעהערט האָט דער פּאַסטוך צו פירן זיי —

גיי דיר נאָך די שפּורן פון די שאָף: באַקלער די טריט פון וועג — אַז די שאָף פלעגן גיין זיינען די שפּורן דערקענט געוואָרן: („תראַצי״ש בלע״ז״: — רש״י) תראַצי״ש: טריט — TRACE, זאָגט מען אין אַ פרעמדער שפּראַך: (פראַנצויזיש) און אַזוי איז אַ סך מאָל פאַראַן אין תנ״ך: „און דיינע טריט זיינען ניט דערקענט געוואָרן״ (תהלים עז—כ) „אַנטפּלעקט געוואָרן דיינע טריט״ (ירמיה יג—כב) „און ער וועט שטרויכלען זייער טראָט״ (בראשית מט—כ) און ער וועט אומקערן זיך צו זיינע טריט און אויף דעם זעלביקן וועג, גיי —

און פיטער דיינע ציגעלעך ביי די געצעלטן פון די פּאַסטוכער: צווישן די געצעלטן פון די איבעריקע פּאַסטוכער וואָס דו ביסט לעבן זיי. און אָט איז דער משל: אויב דו ווייסט אַליין ניט מיין איינזאַמלונג און מיין עדה, דו שענסטע פון פרויען צווישן די איבעריקע געצנדינער, ווי אַזוי וועסטו פיטערן און זיך ראַטעווען פון דער האַנט פון די פלאָגער? (ווי וועסטו קענען) זיין צווישן זיי און דיינע זין זאָלן ניט פאַרלאָרן ווערן?

פאַרשטיי די וועגן פון דיינע ערשטע אָבות, וועלכע האָבן מקבל געווען מיין תורה און האָבן געהיט מיינע געבאָטן און מיינע מצוות, און גיי אין זייערע וועגן און אויך אין דעם שכר וועסטו קענען פיטערן דיינע ציגעלעך לעבן די הארן פון די געצנדינער. און אַזוי האָט געזאָגט ירמיה: „מאַך זיך דיר וועג-זיילן, האַלט וואַך דיין האַרץ צום שטעג״ א. א. וו. (ירמיה לא—כ)

(ט) צו אַ פערד-געשפּאַן אין פרעהס רייטוואָגן האָב איך פאַרגליכן דיך, מיין געטרייע:

אָט דער לאַמעד (פון לסוסתי — צו אַ פערד-געשפּאַן) איז אַזוי ווי דער לאַמעד (לקול) „ביי דעם קול פון זיין דונערן ווערט אַ וואַסער-רעש״ (ירמיה י—יג) און אַזוי ווי דער לאַמעד פון לריח — „דער ריח פון דיינע אייל ן״, צו אַ מחנה פון פערד אַ סך וואָס איך האָב צונויפגעקליבן מיינע מחנות צו גיין דיר אַנטקעגן אין פרעהס רייטוועגנער, צו העלפן דיר, ווי ס׳ווערט געזאָגט: (חבקוק ג—טו), „דו האָסט באַטראָטן דעם ים מיט דיינע פערד״ — אַ סך פערד. דאָרט האָב איך

פאַרגליכן דיך, מיין געטרייע, ווען דו ביסט פאַרשטומט געוואָרן פון דיין געשריי, ווי ס'ווערט געזאָגט „און איר וועט שווייגן" (שמות יד—יד) אַזוינס האָב איך געזען אין די ספרים פון דער אגדה. אַן אַנדער טייטש: (פאר) „האָב איך דיך פאַרגליכן, געטרייע מיינע" דאָרט האָב איך צוגעזען מיט אַלע די וואָס דו האָסט געפּיטערט.

צו אַ פערד־געשפּאַן: אַ טאַבון פערד (ובלשון לע"ז קבלייש"א — רש"י) און אין אַן אַנדער לשון (זאָגט מען) קבלייש"א — (שפּאַניש) — CABALLIOS

האָב איך דיך פאַרגליכן, אין אַן אַנדער שפּראַך (זאָגט מען) געשעצט.

אַזוי ווי: „מיך האָבן זיי געוואָלט הרגענען" (שופטים — כ—ה). ווייל דאָרט האָב איך דיך באַצירט מיט שיינע באַצירונגען.

(י) שיין זיינען דיינע באַקן אין פליטערלעך: שורות אוירינגען און אַ באַגילדעטן שטערן.

דיין האַלדז אין שנירלעך פערל: גאָלדענע האַלדז־שנורן און פערל פאַרשנורט אין גאָלדענע פלעכטן פון דעם (מצרישן) רויב ביים ים.

(יא) גילדענע פלעכטן וועלן מיר דיר מאַכן:

מיר האָבן זיך מישב געווען, איך און מיין בית־דין, אייִדער פרעה איז אָנגעקומען, איך זאָל אים איבערררעדן און האַרט מאַכן זייער האַרץ, כדי מיר זאָלן לויפן נאָך דיר, מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיינע אויפגעקליבענע אוצרות, כדי מיר זאָלן דיר מאַכן פליטערלעך און גילדענע צירונג.

מיט נקודות פון זילבער: (אוצרות) וואָס זיינען געווען אין דיין האַנט שוין ווען דו ביסט אַרויס פון מצרים, ווייל גרעסער איז געווען דער רויב ביים ים פונעם רויב פון מצרים.

נקודות: זילבערנע כלים, געפינטלטע און געפאַרבטע אין פלעקן און געשטאַלטן.

(יב) בעת אָנגעלענט איז געווען דער מלך:

ענטפערט די כנסת ישראל און זאָגט: אַלץ איז אמת. דו האָסט מיר געטאָן אַ טובה און איך האָב דיר אָפּגעטאָן

אַ רעה, בעת דער מלך איז נאָך אָנגעלענט ביי דעם חופה־טיש געווען.

האָט באַרווישט דער דופט פון מיין נאַרד: האָט זיך געביטן אין געשטאַנק. בעת די שכינה איז נאָך געווען אויף (דעם באַרג) סיני, בין איך גרינגעשעצט געוואָרן דורך דעם קאַלב.

אויף דער שפּראַך פון ליבשאַפט האָט געשריבן דער פּסוק, זיין דופט האָט באַרווישט; דער כתב איז ניט קאַליע אָדער פאַר־שטונקען געוואָרן, ווייל אויף אַ ציכטיקן (געטלעכן) לשון האָט גערעדט דער כתב (רש״י שטעלט זיך מער אָפּ אויף דעם פּסוק אין דער מסכת שבת, פרק ר״ע).

(יג) אַ בונט מירע איז מיר מיין געטרייער:

מיין געטרייער איז מיר געוואָרן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ בונט מירע אין זיין שוים און וואָלט מיר געזאָגט: אָט האָסטו דיר דעם בונט וואָס שמעקט מיט אַ בעסערן ריח פון דעם ערשטן וואָס דו האָסט פאַרלאָרן. אַזוי האָט דער רבונו של עולם זיך איבערגעבעטן מיט די יידן נאָך דער מעשה מיטן קאַלב און האָט פאַר זיי געפונען אַ פאַרגעבונג אויף זייערע זינד און ער האָט געזאָגט: זייט מנדב צום משכן, און זאָל קומען אַ גאָלדענער משכן און פאַרגעבן (די זינד) פון גאָל־דענעם קאַלב.

צווישן מיינע בריסט זאָל ער נעכטיקן: כאָטש איך האָב געפעלשט קעגן אים, האָט ער צוגעזאָגט צו רוען דאָרט.

צווישן מיינע בריסט: צווישן די צוויי שטאַנגען פון אָרון־קודש.

(יד) אַ שטענגל בשמים: פאַראַן אין אים בשמים וואָס זייער נאָמען איז נאַרדן, אַזוי ווי בשמים מיט נאַרדן (שיר השירים ד—יג) און ווערן געמאַכט אין דער פאָרם פון שטענגלעך.

אין די וויינגערטנער פון עין גדי: דאָרט איז דאָס אָרט און דאָרט געפינט מען אים. און איך האָב געזען אין דער אגדה אַז אַזוינע וויינגערטנער גיבן פירות פיר אָדער פינף מאָל אַ יאָר. און אַ משל איז עס, צו וויפל פאַרגעבונגען און מחילות וואָס גאָט האָט זיי פאַרגעבן, מיט וויפל נסיונות זיי האָבן אים געפּרואווט אין מדבר.

(טו) יע, ביסט שיין, מיין געטרייע :......

איך האָב מיך געשעמט אין מיין גרינגשעצונג און ער האָט מיך געשטאַרקט מיט נאָכגיביקע רייד, אַזוי צו זאָגן: „איך האָב פאַרגעסן אַזוי ווי דיין וואָרט". (במדבר י"ד—ב) און יע דו ביסט שיין, יע שיין, ווייל דיינע אויגן, ווי פון טויבן. אַזוי צו זאָגן: אַ כלה וואָס אירע אויגן זיינען מיאוסע, דאַרף ערשט אַליין אינגאַנצן באַטראַכט ווערן, נאָר אויב אירע אויגן זיינען שיינע, דאַרף אַליין שוין אינגאַנצן ניט באַטראַכט ווערן.

און דער משל? ס'הייסט: איך האָב דיך פאַרגעבן דיי־נע זינד. און אַט ביסטו שיין אין דיין טואונג און יע ביסט שיין אין דיין געהאָרכזאַמקייט: שיין מיט די מעשים פון דיינע אָבות, שיין מיט דיינע אייגענע מעשים.

ווייל דיינע אויגן, ווי פון טויבן: צדיקים זיינען אין דיר פאַראַנען, וואָס האָבן מיך באַהעפט, ווי אַט די טויב וואָס אַז זי פאָרט זיך מיט איר „ער", לאָזט זי אים ניט פאָרן זיך מיט אַן אַנדערער. אַזוי „האָבן זיך איינגעזאַמלט צו אים אַלע קינדער פון לוי און זיי האָבן זיך ניט געקערט צום קאַלב". (שמות לב—כו) און נאָך ביסטו שיין מיט דער אַר־בעט פונעם משכן, ווי ס'ווערט געזאָגט: „און אַט האָבן זיי אים געמאַכט" א. א. וו. און משה האָט זיי געבענטשט: ס'הייסט, ער האָט זיי געלויבט פאַר דעם.

(טז) יע, ביסט שיין מיין געטרייער און גלוסטיק:

ניט מיין אייגענע שיינקייט, נאָר דיינע, דו ביסט דער שיינער.

אויך גלוסטיק: ווייל דו האָסט פאַרגעבן מיינע זינד און געלאָזן דיין שכינה אין מיר. און דאָס איז דער לויב פון דער נידערונג פונעם פייער: „און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען און זיי האָבן געזונגען" (ויקרא ט—כד).

זומערדיק איז אויך אונדזער געלעגער:

צוליב דיין ליבלעכקייט. אַט איז זומערדיק אונדזער גע־לעגער, דורך אונדזערע זין און דורך אונדזערע טעכטער, וואָס זיי פלעגן זיך דאָ אַלע איינזאַמלען צו דיר, ווי ס'ווערט געזאָגט: „און די עדה האָט זיך איינגעזאַמלט" א. א. וו.

און דער משכן ווערט אָנגערופן אַ בעט, ווי ס'ווערט געזאָגט: „אַט איז שלמהס בעט, און אַזוי ווערט אויך דער

משכן אַנגערופן אַ בעט — ווי ס׳ווערט געזאָגט אין יואָש: (דברי הימים ב—כה) „אינעם חדר פון די בעטן וואָס אין הויז פון גאָט, ווייל זיי זיינען דאָס פּרוכפּערן זיך און דאָס מערן זיך פון ישראל״.

(יז) די זיילן פון אונדזער הויז — צעדער־ביימער:

דער שבח צום משכן איז עס.

אונדזערע ברעטער: איך האָב ניט געוואוסט אויב דער טייטש איז ברעטער אָדער ריגלען. איך האָב אָבער יע גע־וואוסט אַז אויך אויף משנה־לשון האָבן מיר געלערנט: די ברעטער פון אַ מענטשנס הויז — זיי זאָגן עדות אויף אים.

(ווייזט אויס, רש״י האָט דאָ געהאַט אין זינען די גמרא חגיגה, דף ט״ז, עמוד א: „די שטיינער פון זיין הויז און די באַלקנס פון אַ מענטשנס הויז, זאָגן עדות אויף אים״. אויך חבקוק ב — יא: „אַ שטיין וועט שרייען פון וואַנט און אַ שפּענדל פון האָלץ וועט אים ענטפערן״).

דער לעצטער ייד

דער לעצטער ייד

19טער אַפּריל, 1943 — פּסח און פרילינג אין דער וואַרשעווער געטאָ. פּסח — סימבאָל פון יאָרהונדערטער קנעכטשאַפט — צו פריי־הייט, פרילינג — רוף צו לעבן און צו האָפענונג. פּסח און פרילינג, פאַרצווייפלט ביים פאַרטאָג פון אונדזער געשיכטע — קעגן דעם פּרעה פון אונדזער דור, אַ פּרעה, ווי ס'וואָלטן דורך אים אויפגעשטאַנען תחית־המתים די צעקרימטע גלגולים פון די רשעים פון אַלע פריערדיקע דורות.

:: :: ::

אַ בוידעם־שטיבל פון אַ באַזיגטן מויער — די לעצטע קראַכנדיקע פעסטונג פון דער וואַרשעווער געטאָ. דוד, דער לעצטער ייד, מיט אַן אַלט־מאַדישער ביקס אין האַנט, דערוואַרט דאָ דעם בלוט אַנגעטרונקע־נעם שונא. דוד איז דער שומר פון דער יידישער פאָן — דער שומר פון יידישן כבוד.

די וואַרשעווער געטאָ זינקט אין די גיהנומדיקע פייערן פונעם 42טן שלאַכט־טאָג. דוד איז דאָ מיט דעם טויט פון זיינע ליבסטע — אַליין. די זון איז — אַ לעצטע, טריפנדיקע וואונד פון אַן אָקאָרשט פאַרגאַנגע־נעם פאָלק. דורך דעם בוידעם־פענצטערל, זעט ער ווי ס'וואַלגערט זיך רחבותדיק דער טויטער שונא: די פאַדלעדיקע גופים פונעם פיינט. דורך אים צאַפּלט נאָך דאָס לעבן — דער בראַנד פון צאָרן וואָס איז דאָ גע־בליבן פון פערציק טויזנט קדושים.

די לעצטע רגעס יאָגן: אָט צו דער המנדיקער פאַרגאַנגענהייט, אָט צו דעם ישעיהדיקן „באחרית הימים". אָט לויכט אויף דאָס שטראַלנ־דיקע געשטאַלט פון רבי עקיבא בן יוסף. רבי עקיבא רעדט צו אים אַזוי צאַרט, אַזוי גלעטנדיק:

„דוד, מיין זון, איך האָב אַנגעהייבן מיין לעבן מיט רחלען אַזוי לבנהדיק־ריין — אַ פאַרליבטער פאַסטוך אויף כלבע־שבועס פעלדער. צו פערציק יאָר, האָב איך ערשט געהאַלטן ביים אלף. איך בין געוואָרן אַ תנא זיך לערנענדיק מוסר פון איינציקע טראָפּנס וואַסער, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געבויערט אַ שטומען פעלדז, ביז דורך דעם טויטן שטיין האָט זיך צעזונגען אַ פרישער, לעבעדיקער קוואַל. אַזאַ געזאַנג ביסטו, דוד מיין זון, ס'איז דאָס געזאַנג פון דער האָפערדיקער אייביקייט וואָס גע־הערט צו אונדזער פאָלק.

„איך האָב זיך געלערנט ליבן ביי מיין רבין — יוחנן בן זכאי. מיין רבי האָט זיך אַנגעטאָן אין תכריכים, זיך געלייגט לעבעדיקערהייט אין אַן אָרון און ס'האָבן זיינע תלמידים געטראָגן קיין יבנה מיין רבין — די תורה, דורך די פלאַמען פון אַ ברענענדיקן ירושלים.

„דוד מיין זון: דו האָסט אויסגעהיט פון שאַנד די יידישע פאָן. דו האָסט זיך געלערנט, ווי איך, ביי מיין רבין — יוחנן בן זכאי, צו שטאַרבן פאַר דעם לעבן פון דער תורה. דו האָסט זיך געלערנט ביי מיר — צו שטאַרבן פאַר דעם לעבן פון מיין פאָלק. ס'קען דער רשע ניט זיגן איבער דיר, ווי ס'האָט דער רשע ניט געזיגט איבער מיר, רייסנדיק מיין לייב מיט אייזערנע צוואַנגען.

„דוד מיין זון: דו ביסט אַזוי הייליק, ווי איינער פון די „עשרה הרוגי מלכות".

רבי עקיבא איז פאַרגאַנגען, געבליבן איז זיין לעצטער, צאַרנדיקער רוף אין דער געטאָ:

„ש—מ—ע י—ש—ר—א—ל"

דוד היט די יידישע פאָן און עס שפּאַנט אַרויס פון יאָר 132 — דער באַזיגטער זיגער — בר־כוכבא. דוד זעט פון אַלע רוימישע פּראָווינצן פון אַזיע — מחנות יידישע גבורים. דער רוימישער מאַנסטער קייקלט זיך באַרג אַראָפּ, ביי דער אַטאַקע פון די יידישע העלדן. בר־כוכבא יאָגט אַלץ פאָרויס און איבער דעם שונא פאַלן פופציק פעסטונגען, טויזנט שטעט. בר־כוכבא רעדט מיט דעם קול פון אַ זיכערן גבור:

„דוד, חבר מיינער, אויב גאָט וויל אונדז ניט העלפן, זאָל ער כאָטש אויך ניט העלפן אונדזערע שונאים, וועלן מיר אַליין שוין זיגן. ווי יהודה המכבי האָט מיט הויפנס פאַרטיזאַנען מאַרשירט פון די בערג פון אפרים ביז — ירושלים, איבער דעם געבראָכענעם האַלדז און נאַקן פון דעם גרויזאַמען גריך — אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועל איך צעטרעטן דעם הייד־נישן רוימער — האַדריאַן הרשע.

„דוד, ס'האָט דער שונא ניט געזיגט. געווען בין איך דער זיגער אַפילו דאַן, ווען יוליוס סעווערוס, האַדריאַנס מעכטיקסטער גענעראַל האָט באַלאַגערט מיין אומגערינגלטער אַרמיי און געשליידערט מיין לעצ־טע פעסטונג — ביתר. געווען בין איך דער זיגער אַפילו דאַן ווען האַד־ריאַן הרשע האָט פאַרפלייצט ירושלים מיט חזרים און אָפּגעטער און אַ נאָמען געגעבן דודס הייליקע שטאָט נאָך דעם געץ יופּיטער — „עליע קאַפּיטאָלינאַ".

„דוד, חבר מיינער, אַזאַ איז געווען מיין מזל, צו זיגן דורך בראָ־ווער מפּלה. זע ווי ס'לויכט יענער זוניקער גייסט, ביז דער בלינדסטער נאַכט פון דיין דור. ס'האָט דער שונא ניט געזיגט, ניין, ניט געזיגט. זע, ווי ס'יאָגן די „בר־כוכבא־טאַנקען" איבער די קעפּ פון צעשמעטערטן שונא.

„ישראל, חבר מייַנער, דערצייל מיר אויך דייַן גורל, דערצייל".
„אָ, בר־כוכבא, גבורהדיקער יחוס פון מייַן פאָלק!
„איך האָב געזען, ווי מייַן פאָלק ווערט געריסן מיט די זעלביקע, אייַזערנע צוואַנגען וואָס האָבן געריסן רבי עקיבאס לייַב. איך האָב געזען אַזאַ טויט וואָס נאָר אַ פינצטערער מאָנסטער קען פאַרקלערן אין אַ וויסטן קאָשמאַר. פון אַ האַלבן מיליאָן זייַנען מיר דאָ געבליבן פאַר־הונגערטע, צעבייטשטע פערציק טויזנט יידן. מיר האָבן אַלע געשוואָרן — באַגעגענען דעם טויט ווי דו בר־כוכבא, — שטאַרבן נאָך דעם, ווי יע־דער איינער פון אונדז וועט פאַרלעשן דאָס ברודיקע לעבן פון כאָטש איין שונא. מיר האָבן אַלע געשוואָרן — באַגעגענען דעם טויט מיט דייַן מוט, דייַן גבורה, דייַן נקמה!

„נקמה האָט געדולדיק געוואַרט אויף די שאַרפן פון באַהאַלטענע שווערדן, אין סודותפולן פולווער. אומרואיק וואָסער האָט געפינקלט אין די געהיימע פריש־געגראָבענע ברונעמס. און ווען געקומען איז דער שונא אין לויער נאָך קרבנות, האָט גאָר אַנדערש אויסגעזען די געלאָדענע געטאָ. דעם שונא איז ניט איינגעפאַלן קיין פאַרדאַכט. דער שדימדי־קער איבערמענטש קען בלויז זיגן, נאָר אונדזער צאָרן, אונדזער פייער האָט פאַרוואַנדלט דעם איבערמענטש אין מיסט. אַפילו די ערד האָט פאַרכליניעט זיך פון פרייד, מיט דעם בלוט פון נקמה.

„די ברידערלעכע האַנט פון אייניקייט האָט אומאָרעמט ייד מיט ייד. די ניט געמאָסטענע ליבשאַפט פון חבר צו חבר איז דאָ געבליבן באַגעגענען די מאָרגנדיקע דורות.

„פאַרבאָרגענע היילן האָבן זיך געגלידערט מיט די איבעריקע געגנטן פון וואַרשע. דורך דער פאַרגאַזטער פוסטקייט פון יעדער הייל הילכט נאָך דייַן גבורהדיקער נאָמען:
בר־כוכבא — — — בר־כוכבא!"

„דוד, וואַרשע איז — ביתר. אָ, וואָסער פייער פלאַקערט טויטלע־כער פון נקמה? אונדזער טויט איז די גרויזאַמסטע וואָפן! אייביק וועט לויכטן די פאַרלאָשענע געטאָ: אָ, ביתר פון וואַרשע!
„אייביק וועט לעבן מייַן פאָלק!"

דער אָוונט בלוטיקט אויס טראָפן נאָך טראָפן. בית־עולם שאָטנס זייַנען מקבר די זון פון דער וואַרשעווער געטאָ. דוד לייענט נאָך אַמאָל דעם הילף־רוף צו דער פוילישער „אונטערערד" פון וואַרשע:

„פּאָליאַקן, זעלנער פון פרייהייט! ביים געריוו פון האַרמאַטן וואָס טויטן אונדזערע מאַמעס און קינדער; ביים רויך פון לייבער און גע־שטויב פון בלוט, שטרעקן מיר אייך, מיר, שקלאַפן פון דער וואַרשעווער געטאָ — אַ ברידערלעכע האַנט. מיר ווייסן אַז מיט טרערן פון מיטגע־פיל, מיט באַוואונדערונג און שרעק, קוקט איר זיך צו צום אויסגאַנג פון דער שלאַכט וואָס מיר פירן שוין עטלעכע טעג מיט די נאַצישע טי־ראַנען.

„איר זעט דאָך — יעדע שוועל פון געטאָ איז און וועט ווייטער זיין — אַ פעסטונג. מיר קענען אַלע שטאַרבן אין אָט דעם קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן. מיר קענען אַלע שטאַרבן אין אָט דעם קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן. מיר אָטעמען ווי איר מיט נקמה — פאַר די גאַז־קאַמערן פון אָשווענטשים, טרעבלינקאָ, בעלזשעץ און מאַידאַנעק.

„מיר וואַרטן אויף אייער הילף! מיר וואַרטן אויף אייערע גראַ־נאַטן און מאַשין־ביקסן! לאָמיר צוזאַמען צעפלאַקערן די שלאַכט פאַר אייער און אונדזער פרייהייט, פאַר אייער און אונדזער מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד.

„טויט די פאַרשקלאַפער און תליונים!

„זאָל לעבן די שלאַכט פאַר פרייהייט!"

יידישע קאַמף אָרגאַניזאַציע.

דוד קלערט:

— די פּאַנעס האָבן פאַרראַטן. די „אונטערערד" האָט אָוועקגע־קערט די אויסגעשטרעקטע האַנט און האָט געענטפערט אין דער „פּאָל־סקאַ" אַז „דער אויפשטאַנד איז פינאַנסירט געוואָרן דורך רייכע זשידעס, קאָמוניסטן און דייטשע ספּעקולאַנטן, וועלכע זיינען געוועזן די פאַרמיט־לער ביים צושטעלן געווער".

— פּוילישע סאָלדאַטן האָבן אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן די נייעס וועגן דער שחיטה וואָס די נאַציס האָבן דורכגעפירט אין דער וואַר־שעווער געטאָ. פּוילישע אָפיצירן האָבן אויסגעדריקט די האָפענונג אַז זיי וועלן זיך „אומקערן אַהיים און אויסמאָרדן די איבעריקע יידן פון פּוילן".

דוד הערט די זעלביקע קללה פון די פאַרראַטענע יידן פון טולטשין, די יידן פון די גזירות תח ותט: (1648־1649).

„דוד, אויך אונדז, ווי אייך האָבן פאַרראַטן די פּוילישע פּאַנעס, אין דער שלאַכט קעגן רשע — באָגדאַן כמעלניצקי, און אונדז איבערגעלאָזן

אונטער די שניידנדיקע בייטשן פון די קאָזאַקן. דאָן אַזוי ווי היינט, האָט דער שונא פאַרראָטן די פאַררעטער, האָט דער שונא געקוילעט סיי די פאַררעטער, סיי אונדז".

דוד הערט נאָך אַ קנאַל פון ביקסן, אַ קראַכן דורך די גאַסן: נאַלעווקי, פראַנטשישקאַנער, מוראַנעוו, גאַוואַליפּיע. ער הערט נאָך אַ קלאַגן פון יידן אין די גאַסן: מילע און לעשנע, אַ טראַמפּלען איבער פאַריתומטע יינגלעך און מיידלעך אין פּשעיאַזד, אַ הירזשנדיק געלעכטער איבער צעטראָטענע זקנים, פרויען און קינדער.

אַ שאָטנדיק געשטאַלט אין אַ ווינקל פונעם בוידעם־שטיבל, דערמאָנט אים אָן צדקיהון — דעם לעצטן קעניג פון יהודה. ס'טראָגט זיך צו אים אַ לאַנג־דערוואָרגן קול פון דעם ערשטן חורבן בית המקדש:

„געבענטשט ביסטו דוד, האָסט מיין גורל אויסגעמיטן. נבוכדנצר פון בבל האָט איבער מיר — צדקיהון, געזיגט. וויי, מיינע אויגן האָבן געזען, ווי דער שונא שעכט מיינע זין, און מיט אויסגערונענע אויגן, האָט ער מיך אַ בלינדן געפירט אין קופּערנע קייטן — אַ בלינדן שמשון הגבור, נאָר אָן דער אויפגעמאָנטער נקמה.

„וויי, דער שונא איז ניט אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיר. דער שונא האָט איבער מיר געזיגט, ווייל ביי מיין טויט האָט דער פיינט זיך ניט געקאָרטשעט אין דרייען. דער שונא האָט געחוזקט ביי מיין טויט, געחוזקט איבער מיין פאָלק".

דוד היט די יידישע פאָן און זעט: דניאל הנביא שטייט שטאָלץ אין לייבן־גרוב. די לייבן פאַרשליסן פאַר שרעק די מיילער. ער זעט דניאלס דריי חברים: חנניה, מישאל און עזריה, אַזוי ווי אברהם אָבינו, פאַרוואַנדלען אַפילו די פייערן פונעם שונאס קאַלך־אויוון אין פאַנטאַסטישע רויזן:

— דוד האָרך: ס'רעדט צו דיר דניאל הנביא:

„דוד, ברודער מיינער, דיין טויט איז שטאַרקער פונעם זיג פון מעכטיקסטן טיראַן. זע דעם סוף פון בלשאַצר. דער קעניג בלשאַצר האָט זיך ניט באַנוגנט מיט נבוכדנצארס חוזק. מיין האַר בלשאַצר האָט זיך פאַרשכורט אין די געגזלטע, גאָלדענע בעכער פון בית המקדש און גאָר ניט באַמערקט אַז דער גוטער פּערסישער מלך — כורש, טראָגט אים אַנטקעגן אַזאַ טויט — אַ מתנה. בלשאַצר, מיין האַר, האָט אָבער יע באַמערקט, ווי די פינגער פון אַ וואָרנדיקער האַנט שרייבן פאַרשאָלטענע פיר ווערטער אויף דער וואַנט:

„מנא, מנא, תקל ופרסין".

„און ווען געפרעגט האָט מיר דער קעניג דעם באַדייט דערפון, איז ווי אַנדערש האָב איך געקענט טייטשן דעם אַראַמישן שפּרוך, אויב ניט אַז, „געציילט, געציילט זיינען דיינע שעהן, געוואויגן זיינען שוין דיינע מעשים, איז ווער מען דיך באַלד שטיקערווייז פּערטלען".

דוד, ברודער מיינער, זע, פונקט ווי בלשאַצר הינקט אונדז אַנטקעגן אַ פויזנדיקער היטלער און פרעגט דעם באַדייט פונעם זעלביקן שפּרוך וואָס דו האָסט מיט לייב און לעבן אויפגעשריבן, אַנטקעגן אים — אויף אַ שרעקנדיקער וואַנט:

„מנא, מנא תקל ופרסין".

„אָ, דניאל הנביא:

„אָ צדקיהו — מיין ליבער מתניה.

דער שונא ברעכט שוין דורך מיין טיר. איך וויקל זיך איין אין דער יידישער פאַן און וואַרף מיין באַזיגטן גוף, פון בוידעם־פענצטערל— צו דער חברשאַפט פון מיינע טויטע ברידער און שוועסטער.

„מיין פאָלק, זאָל שמואלס צוואה, זיך ניט שיידן פון דיין יעדן קער, זאָל לעבן אָט דער רוף אין יעדן אָטעם פון דיינע קינדס קינדער:

„נקמה פון עמלק!" נקמה פון דייטש!

אַ שעה דורך מיין פענצטער

אַ שעה דורך מיין פּענצטער

1

זונאויפגאַנג

א הײמלאָזער בעטלער חלומט פון פּענים און פון אַ הויז —
פון חלום ווערט — וואָר, פון טורעמס — גיגאַנטישע שפּיגלען,
און שויבן ווערן גערטנדלעך פון פאַנטאַסטישע רויזן.
אַז אַלכעמיסט בייט אויף גאָלד די פאַררויכערטע ציגל.

די ליבשאַפט אויף מיין גאַס איז אַ געבעט צום פאַרטאָג גע־
ווענדט:
— ווי זאָל איך צאַרט זיין אונטער ריטש פונעם וועלטישן
קנוט.
ווי זאָל איך שטראַלן אַז אַ שטראַל איז אַ גלעט פון אַ קמצנס
הענט,
אַז אַ בעטלער איז אַ טאָרבע טעג אין הפקר פון שטאָט.

דער האַס האָט דעם זונאויפגאַנג נאָך פאַרן אויפגיין דער־
וואָרגן.
געבליבן איז די נאַכט: אין גאַז־קאַמער, דאָס האַרץ פון אַ
קינד.
די נאַכט איז מיין פאָלק פון טרעבלינקאָ — אַ מיליאָניקער
מאָרג.
די נאַכט איז אַנטקעגן זונאויפגאַנג אַ סאָלדאַט אַ בלינדער.

און נאַכט שפּרייט יענע האַנט וואָס טיילט אונדז זון פון אַ
פאַלשער וואָג.
פון אַלע נעכט וועלן בלייבן אונדזערע די פאַרטאָגן.

2

געבענטשט זיי דאָרן

אין פאַרגיין, ווי אין אויפגיין, פאַראַן אַזאַ טאָגן.
גבורה פון אַ פעלדז — אין אַ שטיינדעלע אַ שטומען,
דו זאָלסט נאָר ווי דוד דאָס שטיינדעלע צעיאָגן!
פאַראַן קדושה אויך אין מיסט וואָס האָדעוועט די בלום.

נאָר טומאה, טומאה ברידער זיינען אַלע בלומען,
און דעם דאָרן וואָס פליקט דאָס האַרץ פונעם שונא אוים.
און דעם דאָרן איז הפקר דאָס לעבן פון דער בלום.
דער דאָרן — אַ וועכטער, היט די צירונג פון דער רויז.

זע, אין דעם דינסטן שפּראָצונגל אַ, וויפל גלויבן:
„אָ, לאָזט מיך, ווי אַ ריז די גרוים, וועל איך נאָך וואַקסן",
נאָר טומאה, טומאה, ברידער, זיינען אַלע גלויבנס,
און דער קללה קעגן יאָך אויף פאַרשמאַכטע אַקסלען.

געבענטשט זיי דאָרן וואָס דו היטסט די רויז פון דעם פיינט.
געבענטשט זיי דאָרן קעגן אויג וואָס רויבט אונדזער שיין.

3

דער וואָלקן

דער וואָלקן איז ניט אונדזער שונא, ברידער,
און פאַרשווארצט ניט קיין רגע פון אונדזערע טעג.
דער וואָלקן איז נאָר פון צאָרן אַזאַ ליד —
צאָרן קענען קראָען אויף אונדזערע וועגן.

דער וואָלקן קומט אין טעג פון נויט דערמאָנען,
אַז דער האָס — די פויסט זאָל ניט אַנטדרימלט ווערן,
ווען דאָס האַרץ — די זון אַליין שטייט אין קאָן.
דער וואָלקן איז די היים פון אַלע טרערן.

דער גוטער וואָלקן נידערט אַזש פון הימל,
צו ווייזן אונדז, ווי פון טרערן ווערן שטורעמס.
וואָלקן צו וואָלקן, ווי ציגל צו ציגל —
וואַקסט דורך די דורות — אַזאַ פינצטערער טורעם.

אָ, היט זיך שונא פאַר אָט דעם טורעם —
ער איז דער שטורעם פון אַלע שטורעמס.

4

אַ זון מיט אַ שנײ

אַ שנײ מיט אַ זון און אַ זון מיט אַ שנײ.
זון און שנײ האַלדזן זיך ביז צום טויט פאַרליבטע.
דער האַס וועט פאַרגײן, יע, אויף אײביק פאַרגײן.
דער שנײ ווי אַ זיף האָט דאָס בײז אויסגעזיפּט.

דער שנײ איז אינגאַנצן —ציכטיקע ליבשאַפט.
דעם שנײ איז נאָר קושן, קושן באַשערט.
אָ, קוש שנײ, די וועלט איז קראַנק, דײן קוש גיט קראַפט.
אָ, קוש שנײ פון ברעג ביז ברעג די גאַנצע ערד.

ווי דאָס ליכט פון מאָרגן פאַלט איצט דער שנײ.
אָ, שנײעלעך, פײגעלעך און קינדער:
איר האָט מײנע טעג אין קלאָרן צוויט צעזײט.
מײנע נעכט — מעשהלעך אַ פולער טינטער.

נאָך אַ שנײ מיט אַ זון, נאָך אַ זון מיט אַ שנײ —
דער האַס וועט פאַרגײן, יע, אויף אײביק פאַרגײן.

הייליק, הייליק איז יעדנס לעבן

1

פ י ש ע ר

פישער, הייליק, הייליק איז יעדנס לעבן.
ניט נאָר דאָס האַרץ פון פישעלע אין נעץ,
אַז אַ פישער זאָל אויך אויף דיר ניט לעבן —
זאָלסט אַליין ניט צאַפּלען זיך אין פישערס נעץ.

פישער, הער, דאָס שטומע פישעלע שרייט,
דאָס געשריי פון אַ זינקענדיקער שיף:
אַ שטום געקלאַג דורך רוימען און צייטן.
אַ, הער, יאָמען רייסן זיך פון טיפן.

יאָמען רופן דאָס פישעלע אַהיים —
מיט צאַרטן יאָמער, מיט כוואַליעדיקע הענט:
„פישעלע, אוי, פישעלע, אַהיים."
כוואַליעס קלייבן זיך אין מחנות וואַסער־ווענט!

פישער, האָסט פאַרלאָשן פון פישעלע די שטערן,
האָסט דערטרונקען פון פישעלע די זון,
דערפאַר וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן,
קעגן דיר — די יאָמיקע בונטן.

2

היי, קין-זיגער

דער וואָס האָט אַ מלאך דער ערשטער געזען,
איז עס געווען אַ פויגל — אַ מאַרגנדיקער עראָפּלאַן:
אַ ברכה צו די פליגל איז עס געווען,
אַ ברכה צום נאָך ניט געבאָרענעם עראָפּלאַן.

דער מענטש האָט זיך געלערנט פונעם פויגל פליען.
אַ, לאָמיר לערנען זיך פון פויגל פרייהייט.
אַז ס'פליט די קויל, ווי קען דער פויגל פליען?
אַז דער פויגל איז אין שטייג, ווי קען דער מענטש זיין פריי?

היי, ווילדער יעגער, צום אורמענטש לויף,
פאַרשאָלטן האָט דיין קויל דעם מענטשן-מין.
מיט אַ קין-צייכן פון דער זון אַנטלויף.
אַז טאָגן זאָל לויטער דאָס גאָלד און גרין.

די טויב דערמאָנט אין מבול און אין רעגנבויגן.
האָסט פאַרוואונדעט די טויב — דעם „אחרית-הימים",
און איך מיט טרייסט, איבער דער טויב געבויגן,
שעפּטשע: וועסט נאָך פליען טייבעלע בשלום.

האָסט באַזיגט דאָס טייבעלע, היי, קין-זיגער,
און מיט מאָרד פאַרפלעקט די קושן פונעם ווינט. —
ווי וועסטו מיט ריחות פון מאָרד פאַרוויגן,
מיט אַ לו-לו ניגון — דיין אייגן קינד?

3

אַ תּפילה

ברידער, רייסט דעם חלף פֿונעם שעכטער אויס —
דאָס געבונדענע שעפּעלע בענקט אין פעלד.
זאָל פרייען זיך אַ פעלד אויפן אָרט פון שלאַכטהויז.
דער חלף וואָס שעכט די שאָף, שעכט אויך די וועלט.

די קו איז פון בהמות — די רביצן, די פרומע,
וואָס מעלה־גירהט תּמיד אַ תּפילה:
„מענטש, איך בין אַ שטיל קיעלע, אַ מאַמע, אַ שטומע,
וואָס גיט דיר מילך פון גרעזעלעך גרינע.

„מיין מין ווייזט ווי שיין גבורה איז אָן מאָרד,
דערפאַר צאָרנט דער לעמפּערט, וואָלף און בער:
— נארישע קו, האָסט פאַרשעמט אונדזער מאָרד,
איצט רעווע אַ געקוילעטע צו די שטערן.

„גאָט, איך בעט ווינציקער פון מינדסטן פליגעלע.
איך וויל אין לעבן ניט קערן קיין וועלטן.
איך וויל אין קיין ערגעצן ניט פליען.
איך בעט אַ פרישן קוואַל, אַ גרעאָטן פעלד.

„גאָט, זאָל מיין קעלבעלע ניט וויסן די ברכה פונעם שעכטער.
איך זאָל מיט מילך, ניט מיט בלוט דעם מענטשן העלפן.
ווייַ, דער שעכטער טיילט אַ משפּט אַ גערעכטן.
איין מענטש האָט אַלדאָסבייז פון טויזנט וועלף.“

4

פלאַטערל

— פלאַטער, פלאַטער, פלאַטערל,
וואָס האָסטו עפּעס גוטס מיר צו דערציילן?
— מיין טאָג איז שוין פאַרמאַטערט.
געבליבן איז מיר זיבן רגעס ציילן.

האָלטן זיבן רגעס דעם פלאַטערל געבונדן,
האָט מיר אַ סוד די אייביקייט דערציילט —
אַז די צייט האָט נאָך קיין איינציקע וואונד,
קיינמאָל ניט, פון קיינעם ניט פאַרהיילט.

אייביק, אייביק שרייט פון ווינט אַרוים די וואונד.
זיבן רגעס — זיבן זונען איז די פרייד.
פלאַטערל פלי, פאַראַן נאָך אַ רגע וואונדער,
ביז דער טויט וועט ציען די שווערד פון שייד.

פלאַטער, פלאַטערל — זומערלעב.
זע, איך מי זיך ביי דער גאָלדיקער שויב,
דו זאָלסט נאָך אַ קרייז אין זון שוועבן.
אָ, ווער וואָגט די רגע פונעם פלאַטערל רויבן.

עמוס

(דעם סקולפטאָר א. גודלמאַן, אין אָנדענק פון זיין איינציקן קינד—עמוס)

עמוס, ווער קען, ווי דו, די בלומען ליבן,
אפילו איצט, ווען דיינע שפּילעוודיקע יאָרן,
זיינען אין די רעדער פון אַ טראָק געבליבן,
זע, דיין טאַטע האָט באַשערט דיך נייע יאָרן.

זע, דיין טאַטע האָט דיין טויט פאַרטריבן,
צוועלף יאָריקער, פרי־פאַרשניטענער עמוס:
דו ביסט אין מעש, אין בראָנדז געבליבן,
אַן אַלטער באַפרייער — אַ נייער עמוס.

דו לויפסט דורך אומרואיקן מירמלשטיין,
דו שוועבסט אַרויס פון שווערן גראַניט,
און ס׳ווערט די וועלט, ווי דו אַזוי יינגליש־ריין,
זע, דיין לעבן פאַרגייט קיינמאָל ניט.

מיט אַ האַרץ פון עמוס, פון שטיין פון צאַרטן,
האָט דיך דיין טאַטע נאָכאַמאָל באַשאַפן.
דו האָסט פון קבר צו דער זון אַזוי געגאַרט,
איצט ביסטו פון לויטער זון באַשאַפן.

איצט ביסטו פּאַסטוך, נביא און פייגנקלייבער.
דו גייסט פאַרויס אין אונדזער יעדן געפּעכט:
„אַ, אויב ניט דריי מאָל, פיר מאָל יאָג די שקלאַפנטרייבער!״
יע, די וועלט פון עמוס איז גערעכט.

גערעכט איז דער וואָס שניצט אונדז אויס פון בוים,
אַ טיש, אַ בעט, אַ שטיבעלע אַ שיינס,
דער וואָס האַמערט מיט דעם האַמער אויס אַ טרוים,
דער וואָס זעגט מיט דער זעג אַ מעשהלע אויס.

א מעשהלע פון „אין סוף פון די טעג",
ווי שעפּס און וואָלף, ציג און בער,
שמידן אַקער־אייזנס פון געווער,
זיין זאָל אַ וועלט פון די קינדערסוועגן.

אַ מעשהלע פון אַ פריינט — אַ מעסער,
וואָס שניידט ניט דעם האַלדז, נאָר אַלעמענס ברויט, —
נאָר קענען שעכטער, צעטאַנץ זיך, אָ, מעסער,
אַ מעסער טאַנץ, פאַריאָג פון מיין פאָלק דעם טויט!

עמוס איז טאָג און שפּיל — לעבעדיקע שיין,
נאָר פּלוצלונג קלאָגט פון שטיין אַרוים אַ ייִנגלש געוויין:
„טאַטע, איך וויל מער אין דיין באַשאָף ניט זיין.
איך בין ניט לויטער זון, איך בין לויטער געוויין.

„טאַטע, פאַרוואָס האָסטו אין קאַלטן שטיין מיך פאַרשלאָסן?
איך וויל זיין דורך נאַכט אַ זוניקע בלום,
מיט אַ האַרץ פון ליכט און טוי געגאָסן.
איך וויל זיין צווישן דערנער — אַן אייביקע בלום."

דער סקולפּטאָר האַלדזט זיין קינד טרויעריק אַזוי.
אין שפּעטן זונפאַרגאַנג — אַ ייִנגלשע וועלט פאַרגייט.
דער ניו־יאָרקער אָוונט איז אַ טורעמדיקע רויז.
איבער דעם אייביקן עמוס אַ געבויגענער טאַטע שטייט:

— עמוס, קינד מיינס, קום אַרוים פון מיין באַשאַף,
און מיט דעם בראַנדז דעם מעש, דעם מירמלשטיין. —
לויף איבער וועלט — אַ צאָרנדיק געלאַף,
און אַלע ירבעמס פון דיין דור פאַרשטיין!

פֿאַר די קליינע קינדערסװעגן

די מאַמע־קו און דאָס קעלבעלע

אַ קעלבעלע האָט די מאַמע־קו געהאַט,
אַ קעלבעלע, איך זאָג אייך, אויף מיר אַזאַ יאָר:
אוי, ס׳זאָל דיך קינד, קיין בייז אויג ניט שאַטן,
הײ, קעלבעלע, זיין זאָלסטו אויף לאַנגע יאָר.

דיין פעלעכל, אַ רויטס, ווי ס׳וואָלט ערשט אויסגעטאָגט,
דיין פעלעכל — אַ פּייערל פון באַגינען.
און ס׳האָט די מאַמע־קו דעם קעלבעלע פאַרזאָגט:
„זאָלסט דעם מענטש, מיין קינד, געטריי און ערלעך דינען".

און ס׳האָט די מאַמע־קו דעם קעלבעלע געלערנט,
ווי צו לעבן וואויל און פיין אויף דער וועלט:
„ניט אַלעמאָל, מיין קינד, איז די נאַכט אויסגעשטערנט,
ניט שטענדיק קעלבעלע איז גרין דאָס פעלד.

„לויכטן זאָל דיין יעדער וועג מיט מילך און פּוטער:
מיט זיסן מילך און פעטן שמאַנט.
דו הערסט, זאָלסט מיר זיין אַ קיעלע, אַ גוטע,
און אַלץ דעם מענטשן שענקען מיט פולער האַנט.

„דו זאָלסט דעם מענטש אַלדאָסגוטס נאָר געבן,
אַז דו וועסט זיין גוט וועט זיין אויך גוט דער מענטש.
דו זאָלסט נאָך אייניקלעך, קעלבעלע, דערלעבן".
אַזוי האָט די מאַמע־קו דעם קעלבעלע געבענטשט.

דאָס קעלבעלע האָט פלעקן שווארצע,
ווי ביים טייכל, די קילע שאָטנס.
פול מיט שיין איז אַ קינדיש האַרץ,
ס׳קען נאָר אין פרילינג זיין געראָטן.

אין די ווייסע פינטעלעך האָט עס אַזויפל חן,
ווי ס׳וואָלט דער ווינט אין שפּרינקעלעך דעם טאָג צעבלאָזן,
און ס׳קען שוין ביז גאָר דאָס קלוגע קעלבעלע פאַרשטיין,
אַז דער מענטש איז גוט איז געשמאַק דאָס גראָז.

און ס׳האָט דאָס קעלבעלע צעטאַנצט זיך קינדער.
צי דאָס קעלבעלע, צי דער פרילינג טאַנצט אַזוי?
אָ, ס׳איז אַ טאַנץ פון וואונדער איבער וואונדער,
אָ, נאָר אַ קינד קען ריין און גלויביק זיין אַזוי.

אַז דאָס קעלבעלע האָט צעטאַנצט זיך,
האָט אַ שמעק געטאָן מיט ערשטע בלומען —
ווייסן אַלע, דער מאַי וועט גאָר גיך,
אויסגעפוצט אין בלוי און גרין דאָ קומען.

דער מאַי האָט זיך אין וועג געלאָזט שוין גיין.
מיט זון און גראָז און טוי קוועלט דאָס פעלד.
אַז דאָס זאַטע קעלבעלע איז שיין,
ווייס דער יוני, ווייס די גאַנצע וועלט.

זאָג מיר קעלבעלע, דו גוטינקס,
ס׳האָט דיין פרייד היינט ניט קיין אָנהייב, ניט קיין ברעג,
צי זינגט שוין זומער אין דיין בלוט:
„יע, זומער", דרייט דאָס קעלבעלע מיטן עק.

אַ זומער רעגעלע מיט אַ מלאכס קושן איז אַראָפּ:
— דו זאָלסט קעלבעלע מיינס ניט ווייסן פון קיין בייזער נאַכט.
זאָגט דאָס רעגעלע: טריף-טריף-טראָפּ, האָפּ-האָפּ-האָפּ, חיי,
האָפּ-האָפּ!
דאָס קינד האָט אַזויפל נחת דער מאַמע-קו געבראַכט.

דאָס קעלבעלע אינעם גילדענעם זומער-רעגן,
האָט אַליין שוין ריין זיך אויסגעצוואָגן.
אַ זומער-רעגן פון די קליינע קינדערס וועגן —
האָט זיך דאָס קעלבעלע אין פעלד צעיאָגט.

אז דאָס קעלבעלע, שוין ווידער טאַנצט,
וויסן אַלע, היינט איז זומער קינדער.
צי דאָס קעלבעלע צי דער זומער טאַנצט?
דער זומער און וואונדער איבער וואונדער.

נאָר פלוצלונג איז פון קעלבעלע אַ פראַסט געוואָרן.
דער שוחט האָט געבראַכט אַ קוילער־מעסער.
די מאַמע־קו שרייט: מו־ו־ו, אָך און וויי, צו מיינע יאָרן."
ווי גרוים די מאַמע־קו איז איר בראָך געווען נאָך גרעסער.

נאָר דעם קעלבעלע האָט גאָרנישט ניט געאַרט.
דאָס קעלבעלע האָט אפילו ניין מיט קיין מו ניט געזאָגט.
ס'האָט דעם מענטש קיינמאָל אַזוי ניט אָפּגענאַרט.
ערשט ביי דעם מעסער האָט דאָס שיינע קעלבעלע זיך צע־
קלאָגט:

„וויי, מאַמע־קו, האָסט אומזיסט מיך געבענטשט."
„אוי, קעלבעלע מיינס, איך ווייס שוין דער שונא איז דאָס
מעסער,
און ווי אַ מעסער איז אויך אָפּט דער מענטש.
קעלבעלע מיינס, איך האָב דיך ניט געבאָרן פאַרן מעסער".

פורים

איינגע, ביינגע, היינט איז פורים.
סטופע טשיינגע, פורים איז היינט.
היי, גראגערס, גראגערט א פורים,
אז פאלן זאלן אלע פיינט!

הערט קינדער, אחשורוש ברומט:
— ושתי מוז א פגר ווערן,
ווייל די מלכה וויל ניט קומען,
מיט א גוליע אויפן שטערן.

ברענט דעם קעניגס ווילדער צארן:
„וועלט, גיב גלייך א נייע מלכה",
קלייבט מען מלכות טעג און יארן,
בלייבט די שענסטע, אסתר, מלכה.

ארטשע, בארטשע, פעטער מרדכי.
בו, גאלע שווארצע איז המן.
ס'ווארט די תליה שוין פאר מרדכין,
הענגט גאר היינט דער שונא המן.

יעדע וואונד פון אלטן שטורעם,
האבן רעגנס לאנג פארוואשן.
איימעלע, ריימעלע, היינט איז פורים:
„מאמע, גיב די המן-טאשן".

אויך היינט הענגט המן מיט צען זין.
ביינעלע, פייגעלע האפ-האפ:
היטלער איז אויך אוועק אהין —
טפו, מיט א פארשפיגענעם קאפ.

איינגע, ביינגע, היינט איז פורים.
סטופע, טשיינגע, פורים איז היינט.
היי גראגערס, גראגערט א פורים,
אז פאלן זאלן אלע פיינט!

שלמהלע

שלמהלע איז היינט צען יאָר אַלט.
ער שמעקט מיט אייזקרים און שאָקאָלאַד —
פרייען זיך אין שול היינט אַלע,
וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט.

איז שלמהלע אין שול געקומען היינט.
פאַרפוצט אין עסיק און אין האָניק.
מיט צען ליכטעלעך איז דער טאָרט צעשיינט.
איך זאָג אייך, ווי שלמה דער קעניג.

ס'ווייעט אַזש אַ ווינט פון פלינקע מאַמעס.
די גוטע זאַכן אַלעמען צעטיילט.
איצט האָט מיין לערער: פון איבער יאַמען,
פון ליטע און פון פוילן אונדז דערציילט.

און שלמהלע דורך געדאַנק איז געפלויגן,
גיך איז ער אין ווייטע לענדער געווען.
און קינדער, ווי זיידעס איינגעבויגן,
האָט ער אין זיין לערערס אויגן געזען.

דערזען האָט שלמהלע איבער וועלט,
יידן, יידן אין גאַז-אויוונס פאַרברענט —
האָט ער זיך פלוצלונג אין קלאַס געשטעלט,
קעגן וועלט, מיט פאַרביילטע הענט:

„אוי, באַרוועסע קינדער, איין-אַליין,
אָן טאַטעס אָן מאַמעס, אָן קיינעם.
איך וויין מיט אייך אייער געוויין.
איך האָב אַ צימערל אַ שיינעם.

„ווען איך קען אייך דאָ אַלע ברענגען,
גיב איך אייך מיין בעט און מיין ברויט.
ווען איך קען אַלע המנס הענגען,
גיב איך זיי אייער נויט און טויט".

אַ קינדער־מאַרש

הײדאַ, אָ, הײדאַ,
מיט װינט אין טראָט,
מיט פאָן אין האַנט,
שפּאַנען מיר, זינגען מיר, מחנות קינדער:
— אָ, װאו עס רינט נאָר ײדיש בלוט,
רופט יהודה המכבים מוט.
דער נײער דײטש — דער אַלטער בײטש,
װײל פון אונדז געװײן נאָר לאָזן.
פון נײעם פײנט, פון אַלטן פײנט,
װעלן מיר קײן אָטעם ניט לאָזן.

הײדאַ, אָ, הײדאַ,
מיט װינט אין טראָט,
מיט פאָן אין האַנט,
שפּאַנען מיר, זינגען מיר, מחנות קינדער:
—די װעלט װעט זײן אײן קינדערלאַנד,
די װעלט װעט זײן אײן ברודערלאַנד.
און װעם ס'איז ליכט און שפּיל באַשערט,
דער װעט געװינען לעצטן קריג.
פון לאַנד צו לאַנד, פון גאָר דער ערד,
מאַרש, אָ, מאַרש צו אונדזער זיג!

מיין קעצעלע

פון אַלע קעצעלעך איז מײַנס קליגער.
מײַן קעצעלע קען דעם אלף-בית שרײַבן.
מײַן קעצעלע קען מײַן עראָפּלאַן טרײַבן.
פון אַלע קעצעלעך איז מײַנס קליגער.
ס'קען זיך מיט קײַן מײַזעלעך ניט קריגן,
עס קען אין קריג אַלײן אָן אַ נאָז בלײַבן.
פון אַלע קעצעלעך איז מײַנס קליגער.
מײַן קעצעלע קען דעם אלף-בית שרײַבן.

אַז מײַן קעצעלע נעמט די נעגל שאַרפֿן,
וועל איך אין קלאַס שוין מאָרגן, ווי אַ תּם זיצן.
אַט בײַזערט דורך די גרינע אויגן זיך אַ בליץ.
אָ, מײַן קעצעלע נעמט די נעגל שאַרפֿן.
אַט וויל עס שפּילן מיאַ-מיאַו אויף מײַן האַרף.
אַט האָט עס מײַנע העפֿטן שיר צעריסן.
אַז מײַן קעצעלע נעמט די נעגל שאַרפֿן,
וועל איך אין קלאַס שוין מאָרגן, ווי אַ תּם זיצן.

ניט קײַן קעצעלע האָב איך, נאָר אַ טיגער.
אָ, מײַן קעצעלע האָט נעגעלעך גוטע.
די ווײַסע פֿעל איז אַ פּאַרשנײַטער פוטער.
ניט קײַן קעצעלע האָב איך, נאָר אַ טיגער.
אַט שפּרינגט עס קעגן מיר — אַ שטאָלצער קריגער:
מײַן טינט האָט עס צעגאָסן אויף דער פוטער.
ניט קײַן קעצעלע האָב איך, נאָר אַ טיגער.
אָ, מײַן קעצעלע האָט נעגעלעך גוטע.

אוי, ווי וועל איך מאָרגן אָנקוקן מײַן לערער.
אַוועק פון מיר קעצעלע, מײַן קעצעלע.
נאַ דיר מילך און פוטער — פולע טעצעלעך.
אוי, ווי וועל איך מאָרגן אָנקוקן מײַן לערער.
קעצעלע מײַנס, זע ווי ביטער מײַן יעדע טרער,
און דו האַלטסט מיך געפֿאַנגען ווי אין אַ נעץ.
אוי, ווי וועל איך מאָרגן אָנקוקן מײַן לערער.
אַוועק פון מיר קעצעלע, מײַן קעצעלע.

מיין קעצעלע איז אַזוי גרינג, אַזוי פלינק,
עס זאָל נאָר נים אַ שפרונג טאָן צו די שטערן.
נים קיין קעצעלע, איך האָב אַ ווינט, אָט הער —
מיין קעצעלע איז אַזוי גרינג, אַזוי פלינק,
ס׳קען גאָר נים מיאַוען און ווי שיין עס זינגט,
האָב איך אין אַ חלום עס אַליין געהערט.
מיין קעצעלע איז אַזוי גרינג, אַזוי פלינק,
עס זאָל נאָר נים אַ שפרונג טאָן צו די שטערן.

מיין קעצעלע קען יידיש, אַלץ וואָס איך זאָג.
פון מיינע סודות, ווייס מיין מאַמע נים אַזוי,
וויפל מאָל מיין לערער דרייט מיר אָן אַן אויער.
מיין קעצעלע קען יידיש, אַלץ וואָס איך זאָג.
און ווייס איז מיין קעצעלע — אינגאַנצן טאָג.
איך האָב שוין געמאַכט אַ ווייך בעטעלע פון שטרוי.
אַ גוטע נאַכט קעצעלע, פאָלג וואָס איך זאָג,
וועסט זיין דיין זיסער שלאָף, ווי מיינער, הימל בלוי.

דו זאָלסט ווייס קעצעלע נאָר נים מיינען,
אַז אינגאַנצן מילך ביסטו אַליין,
און ווי מילך אַ טרונק טאָן זיך אַליין.
דו זאָלסט קעצעלע אַזוי נים מיינען,
האָב איך מורא, אַז מיר גלוסט זיך וויינען.
נו, וועסט מיט מיר אין שול שטענדיק גיין.
דו זאָלסט ווייס קעצעלע נאָר נים מיינען,
אַז אינגאַנצן מילך ביסטו אַליין.

ווינטער

ווינטער איז אַ ווייסער בער.
אַ בער פון ווינט, פראָסט און שניי.
אַז דער בער גיט זיך אַ קער,
שפּילן שטורעמס אַלערליי.

און איך בין אַ ווייסער שויב,
זע דעם שניי טאַנצן אין ווינט.
אַ, ווען זאָל איך לויבן,
וואָס איך בין איצט ניט אין ווינט?

יע, לויב דעם בויער, מיין קינד,
ער האָט אַ שטאַרק הויז געבויט.
יע, לויב דיין טאַטן, מיין קינד.
ער היט דיך אוים פון דער נויט.

און לויב דיין גוטע מאַמען,
זי האַלט איר האַרץ שטענדיק גרייט.
אַ, פאַר דיין טאַטע-מאַמען,
לויב די טעג פון זון און פרייד.

געדאַנקען פון קינדער

וואָס איז פרילינג? *

וואָס איז פרילינג פאַר יידישע קינדער?
פרילינג איז אַ שמייכל, אַ קוואַל, אַ בלום.
פרילינג איז אַ שפּיל פון גאָלד און וואונדער,
אַ ליבשאַפט וואָס נעמט אַלעמען ארום.

פרילינג איז אַן אַלטער חלום וואָס מיר האַלטן טייער.
ווייסט איר קינדער, ווי אַזוי ס'ווערט פרילינג?
פון חנוכה בלייבן אונדז אַכט פייערלעך,
די אַלטע פייערלעך זיינען אייביק יונג.

אַ, פון חנוכה די גלוויביקע ליכטעלעך;
האָבן קיינמאָל נאָך ניט אויסגעברענט —
שפּרינגט אַ העלד אַרויס פון יעדן ליכטל,
און ברענגט דעם פרילינג מיט די בראַווע הענט.

פרילינג איז פּסח — די פרייהייט פון מיין פאָלק,
נאָך דורות פּרעה, נאָך דורות שקלאַפעריי.
פרילינג איז אַ שטאַרקע פויסט פון אַמאָל.
פרילינג איז אַ קנעכט וואָס איז געוואָרן פריי.

פרילינג איז ביים סדר — אַ בעכער וויין.
דער בעכער פון פּסח איז דער בעכער פון פרילינג.
ווער עס דאַרף, קען קומען טרינקען דעם וויין.
דער וויין פון פּסח איז דער וויין פון פרילינג.

פרילינג איז דאָס לעבן וואָס איז מיין פאָלק באַשערט.
נאָך ביטש און דורשט און וואַנדער — אַ פרישע בעט.
נאָך אַלע שטורעמס, אַן ערשט גרעזל פון דער ערד.
דאָס ערשטע וואָרט פון אַ קינד אַרויסגערעדט.

---

* געדאַנקען פון קינדער, אין קאָמפּאָזיציע־קלאַס פון דער פילאַדעלפיער מיטלשול.

וואָס איז זומער?

זומער איז אַ פעלד מיט הויכע קאָרן.
אַ שטיבעלע מיט גערטנדלעך אַרום.
אַ טאַטע אין די מיטעלע יאָרן.
בייטאָג. אין פולער קראַפט, די זון.

זומער איז אַ הויפן עפל און באַרן.
אַ בוים וואָס בליט נאָך די לעצטע שלאַכטן.
אַ פויגל וואָס זינגט נאָך אַלע געפאַרן.
אַ שטראַל ביים מיטיק נאָך אַ בייזער נאַכט.

זומער איז ביינאַכט — אַ ליכטיקע האָפענונג,
וואָס לויכט שטענדיק דורך יעדערן פון אונדז.
אַ נביא פון אַמאָל מיט אַלטער חכמה יונג:
איין סטאַדע קי און בערן אין דער זון.

זומער איז מיין מאַמעס זיסער פלאָדן —
אַ פנים וואָס קיין ליגן האָט ניט פאַרשטעלט.
זומער איז אַ טייכל אין הייסן פעלד,
וואָס האַלט די פייגעלעך אויסגעבאָדן.

וואָס איז האַרבסט?

האַרבסט איז מיט תבואות אַ פולע פור.
אַרום אַ הוילן בוים — אַ בלעטערדיק געיעג.
האַרבסט איז אָנזאָג אויף נאָנטע שטורעמס.
אַ סטאַיע פייגל וואָס קלייבט זיך צוריק אין וועג.

האַרבסט איז אַ קלוגער זיידע רייף מיט טעג אַ סך.
אין שייער — דאָס גאָלד און גרין פון זומער.
האַרבסט איז אַ קאַלטע סוכה מיט מאַיאיקן סכך.
פון לעצטע פליגן — אַן אומעטיק זשומען.

האַרבסט איז דער ווינט וואָס קלאָגט דורך אַ חרוב הויז.
אַ פוסטער טעלער וואָס בענקט נאָך אָוונט-ברויט.
דער עלנט וואָס קוקט פון אַ פענצטערל אַרויס.
האַרבסט איז די גרויע, ביינערדיקע נויט.

האַרבסט איז פון סעפּטעמבערס — דער קאַפּיטאַן.
דער קאַפּיטאַן פירט פעלדער אַ פולע שיף.
פון חלום דורך חלום פאָרט דער קאַפּיטאַן:
דער חלום פון די שניטער איז די שיף.

פאַרוואָס זאָגן מיר „עלנט ווי אַ שטיין?"

אָ, ניט אומזיסט זאָגן מיר: „עלנט ווי אַ שטיין".
פון מדבר דורך מדבר, פון לאַנד צו לאַנד,
געוועזן איז מיין פאָלק, עלנט ווי אַ שטיין.
מיין פאָלק, ווי אַ גיבור, אויף שפּיץ פון אַ באַרג,
ווערט אַלץ פון פיינט געיאָגט צום לעצטן ראַנד.
אַ מיט פיר טויזנט יאָר איז דער גיבור שטאַרק.

אָ, ניט אומזיסט זאָגן מיר עלנט ווי אַ שטיין.
פון אַ שטיין האָט יעקב זיך געמאַכט אַ צוקאָפּנס,
ווען צו דער פאַסטוכערין רחל איז ער געגאַנגען;
און מלאכים אויף אַ לייטער, אַרויף און אַראָפּ,
האָט ער געזען, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען.
פון אַזאַ חלום ווערט עלנט אויך אַ שטיין.

אָ, ניט אומזיסט זאָגן מיר עלנט ווי אַ שטיין.
איך האָב אַמאָל אין וועג געגעסן טרוקן ברויט,
וויט פון פריינט, פון היים, ערגעץ אויף אַ שטיין.
ווער דער שטיין מיר קומען צו חלום ביז מיין טויט.
אָ, אַזאַ עלנט קען אויך אַ שטיין פאַרשטיין.
איך בין אַליין געוועזן דער עלנטער שטיין.

און געהאט האט אויך מיין פאלק א מזל-שטיין, —
ווען דוד — א שיין פאסטוכל מיט א שטיין אין האנט,
האט קעגן גלית דעם פלשתי בראוו זיך געשטעלט —
מיט א שטיין, ווי א קללה, קעגן שמייכל פון גיגאנט.
א, מיט דעם שונאס קאפ אין יינגלשער האנט,
האט דוד דאס מזל פון מיין פאלק צעהעלט!

זעמדעלעך באזונדער זייגען טרויעריק, פארטראכט.
זעמדעלעך באזונדער צעבלאזט דער שונא —
אט א בלאז אהער, אט א בלאז אהין.
א ווינטעלע קען די זעמדעלעך פארלאכן.
יע, פון איינציקע זעמדעלעך איז לאכן גרינג.
א זעמדעלע איין-אליין איז זיך אליין א שונא.

נאר ווען אלע זעמדעלעך נעמען זיך צוזאמען;
א, וועלכע קראפט קען רירן אזא שטיין?
דאן ווערט א פעלדז אזא פון גאל און פלאם,
וואס האט ניט איינמאל, ניט איין פיינט פארשטיינט.
יעדעס זעמדעלע שלאגט מיט גבורה פונעם שטיין.
א, ס'וועט די וועלט נאך זאגן: „פריילעך ווי א שטיין".

אַלע, אַלע אין אונדזער שול אַריין!

אָ, יידיש, קלוג מאַמע־לשון, אייביק שיין —
דיין מזל איז אין בלייער, בוך און העפט:
אָ, יידישע קינדער פון גאַר דער וועלט,
אַלע, אַלע, אין אונדזער שול אַריין!

אין שול ווערט מיר מיין פאָלק ליבער.
מיין פאָלק איז אין חן פון אלף־בית,
אין אַטאַקע פון שמשון הגיבור.
אָ, מיין פאָלק פון תורה און שיינעם אלף־בית.

מיין פאָלק איז פון לעגענדע אַרוים,
מיט אַ קללה קעגן קין און די שלאַנג;
מיט אַ גן־עדן, ווי די ערד די גרוים,
מיט רייד פון דודם האַרף, מיט דבורהס געזאַנג.

אָ, מיין פאָלק מיט חכמה פון שלמה המלך געבענטשט:
צי האָט גאָט פאַרשאָלטן די שלאַנג אַמאָל־אַמאָל,
צי האָט די שלאַנג פאַרשאָלטן גאָט און מענטש?
אוי, איבער אַלע בערג הייבט זיך דער יאָמער־טאָל.

אוי, טאָל פון יידיש — פון אויג אונדזער שיין,
דיין מזל איז אין בלייער, בוך און העפט:
יידישע קינדער פון גאַר דער וועלט —
אַלע, אַלע אין אונדזער שול אַריין!

שוין איינמאָל אַ ציגעלע

שוין איינמאָל אַ ציגעלע

ווייסט איר קינדער, ווי אַלט ס׳איז יעדער פון אייך?
ניט צוועלף, דרייצן, פערצן, פופצן.
אָ, אַלט ווי אונדזער פאָלק איז יעדער פון אייך.
שטאַרק און בראַוו האָט אונדזער פאָלק זיך געשלאָגן,
מיט זאַמד־שטורעמס, מיט מדבר־וועלף,
איידער די וועלט האָט אָנגעהייבן טאָגן.

יע, אַלט־אַלט־אַלט זיינען מיר,
אַלט ווי אברהם אָבינו — דער ערשטער ייד.
יע, יונג־יונג־יונג זיינען מיר,
יונג ווי רחלע, לאהלע, יאַנקל, דוד.

אפשר קען נאָך די לבנה געדענקען,
ווי עברים האָבן אין מדבר געוואַנדערט,
נאָך גראָז, נאָך וואַסער — נאָך לעבן געבענקט:
גראָז פאַר די שעפּסן און ציגן,
וואַסער — לעבן פאַר אַלע וואַנדערער.
דער דורשט האָט אפילו שטיינער פאַרברענט,
כאָטש וואַסער, זאָגט מען, האָט משה געקענט,
מיט זיין שטעקן פון אַ פעלדז קריגן.

מיט צרות אויף די פּלייצעס — פולע פּעק,
געשלעפּט זיך דורך היץ פון ווילדערניש בייטאָג —
מיט פּויסט, דורך שטערנדיקן עלנט ביינאַכט.
פון זאַמד און ווייט און רויב געוועזן איז די וועלט.
אין הייסן זאַמד האָט אַ חלום זיך געהייצט:
אָ, אַן אייגן שטוב, אַן אייגן קוואַל, אַן אייגן פעלד.
געבענקט האָט בראַנדיק זאַמד נאָך קילן רעגן.
געבענקט האָט דער מידער קאָפּ נאָך אַ דאַך.
געבענקט האָט נאָך ברכה — דער פאַרשאָלטענער וועג.
אָ, די בענקשאַפט האָט דעם מדבר פאַרפלייצט.
אַמאָל האָט די מדבר־חיה — דער שאַקאַל געקלאָגט,
אַמאָל האָט אַ שונא ביי זיין זיג געלאַכט.

און פון אַט דעם טרויעריקן מעשהלע,
געבליבן איז אַ ווייס ציגעלע.
איין שונא האָט דעם אַנדערן פאַרשלונגען.
נאָר דאָס ציגעלע דאָס ווייסע,
האָט קיינער ניט געקענט צערייסן,
ניט קיין בייז וואַסער, ניט קיין פייער־צונגען.

*

אַמאָל־אַמאָל איז אַ ווייס ציגעלע געווען,
אַ שיין ציגעלע מיט פאַרבענקטע אויגן.
ניט געלאָזט זיך פון קיינעם פאַרקנעכטן.
אָ, ניט געלאָזט זיך פון קיינעם ניט בויגן.
ניט פון קיין גען, ניט פון קיין מענטשן,
האָבן אַלע שלעק ס׳ציגעלע געוואָרגן,
איז עס אַוועק אויף ווייטע וואַנדער וועגן,
דורך דורשטיקע טעג, דורך עלנטע נעכט.
אָ, לאַנג, אָ, לאַנג, אין וועג געשטיקט די טרערן.
ווען שוין גרוי געוואָרן איז די באָרד,
האָט עס אין קלוגן יידישן באָרד,
באַהאַלטן דאָס ליכט פון מדבר־שטערן, —
אין הארצן — גאָר די ליכטיקייט פון מאָרגן,
האָט אַ ליכטיק הארץ ס׳ציגעלע געהאַט,
און אַלץ וואָס ריין און זוניק געבענטשט.
איז דעם ציגעלע שטענדיק געווען,
אַ לעבן, ווי צווישן וועלף באַשערט.

אין מדבר האָט קיינער ניט דערהערט,
דורך אַלע פיינט — דאָס ציגעלע וויינען.
אַ גלויביקער הימל האָט געזען,
דורך זון און דורך נאַכט דאָס ציגעלע גיין:
פון מדבר — קיין מצרים,
פון מצרים — קיין ירושלים,
מיט דער נאָז אַזש געאַקערט די ערד.
רק וואַנדערן דורך מדבר — זאַמד און זאַמד.
געהאַט נאָר זאַמד שטענדיק צו זאַט,
און גלויבן, אָ, גלויבן געהאַט:

אַט־אַט איז כנען — דאָס צוגעזאָגטע לאַנד,
נאָר אַ שטרויעלע האָט דעם וועג פאַרשטעלט.
אַט, ווי ס'וואָלט ערגעץ ווייט־ווייט געווען,
די געפאַר וואוינט שטענדיק האַרט ביים געצעלט.
אַזוי יאָגט דאָס ציגעלע דורך בריענדיקן זאַמד.

איז די קאַץ — מצרים מיט ציין און נעגל,
מיט נויט און טויט אָנגעשפּרונגען
און האָט דאָס ציגעלע אין ליים און ציגל,
מיט לייב און לעבן שיר פאַרשלונגען.
איז משה רבינו קעגן פרעהן אָנגעלאָפן,
און די קאַץ אין רויטן ים דערטרונקען,
און צוריק אין מדבר, צוריק קיין כנען געלאָפן.
און אין כנען — דאָס ווייסע ציגעלע,
איז אונטער משהלעס וויגעלע,
מיט טויזנט מאָל טויזנט מעשהלעך געבליבן,
פאַר גוטע קינדער און קלוגע זיידעס צו דערציילן:
ווי גאָט האָט מיט צען מכות די פיינט פאַרשאָלטן,
בלייבן זאָלן אויף דער ערד נאָר פריינט זיך ליבן.
ווי משהס שטעקן האָט דעם ים־סוף געשפּאָלטן,
ווי קורח אין ד'רערד איז איינגעזונקען,
אַז אַלע זאָלן זיך ראַזשינקעס פון כנען טיילן.
איַי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע,
זאָגט זשע אַלע — שוין איינמאָל אַ ציגעלע.

האָט דער אמורי — אַ הונט מיט הינטעלעך פינף,
אין שלאַכט פון גבעון דאָס ציגעלע באַגעגנט —
האָט דער הונט מיט פייל און בויגן זיך צעבילט,
רייסן זיך ביימן הינטעלעך פינף,
האָט יהושע —. דער זון פון נון,
זאָגט מען אָפּגעשטעלט די זון.
ס'האָט באַפוילן דער זון פון נון:
„שטיי שטיל, שטיי העל, אַ, זון,
עס זאָל ניט פון מיטן שלאַכט,

באַהאַלטן דעם פיינט — די נאַכט",
האָט די זון מיט דעם טאָג זיך ניט געזעגנט,
און שטיל, אין שענסטן קרוין באַצירט,
פון גבעון זיך ניט גערירט,
ביז יהושוע — דער זון פון נון,
האָט די טשאַטע הינטעלעך פאַרשטילט.
געבליבן איז דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון דעם הונט — אמורי, פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע,
זאָגט זשע אַלע שוין צוויי מאָל אַ ציגעלע.

און ס'האָט שוין דאָס ווייסע ציגעלע געהאַט:
אַן אייגן הויז, אַן אייגן פעלד — אַן אייגן לאַנד,
און ס'איז די מי מיט ברכות געווען זאַט,
אַזש דער מדבר האָט צעבליט אין אייגן לאַנד.
האָט דער שטעקן — עמלק געגומען שלאָגן,
פון שעפּס ביז בוים, פון בלום ביז קינד, —
האָבן שטעקעלעך אַלערליי גענומען יאָגן,
און יאָגן נאָך אוי, ביז אַצינד.
האָט שמואל דער נביא געשוואָרן,
האָט דור צו דור זיין שבועה געגעבן:
ניין! עמלק טאָר ניט, וועט ניט לעבן! —
ביז עמלק איז ניט געוואָרן.
געבליבן איז דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע.
זאָגט זשע אַלע — שוין דריי מאָל אַ ציגעלע.

האָט זיך אָרם — דאָס העלישע פייער צעבלאָזן,
און ניט איינמאָל פונעם ציגעלע דעם עק צעברענט.
דער נאָמען פונעם עק געוועזן איז שומרון.
אין יהודה האָט דאָס האַרץ און קאָפּ געוואוינט.

גײשטאַנען איז דאָרט ברוך דער נביא,
קעגן רויב און מאָרד — אַן אײביקע פעסטונג.
גײשטאַנען איז ליכטיק דער נביא,
און דעם גזלן ליגן אויף דער שוועל ניט דערלאָזן,
און געלערנט ליכט: קינד און קייט, אַלט און יונג —
אַז תורה איז — אמת און אמת איז תורה.
אמת האָט פאַר פייער און שווערד ניט קיין מורא,
אַז הייליקער איז אמת פון בית־המקדש ווענט,
איז געבליבן ביים נביא דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון אַרם — דאָס העלישע פייער,
פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע.
זאָגט זשע אַלע, שוין פיר מאָל אַ ציגעלע.

האָט אשור — דאָס קאָכיקע וואַסער זיך צעקאָכט,
און האָט אַרם — דאָס העלישע פייער פאַרלאָשן
פון בן־הדד ביז דמשק, אין אַש צעשאָטן.
אָ, אַז קאָכעדיק וואַסער נעמט זיך גיסן,
האָט עס שיר די וועלט מיט גאָר זיין קאָך פאַריאָכט,
און אויך פון ציגעלע דעם עק אָפּגעריסן,
ווייל שומרון — דאָס מיאוסע, פאַלשע עק,
איז אַזש אויף צוויי הונדערט און צען יאָר —
פון פאָלק און פון ליכטיקן נביא אַוועק.
געקייטלט האָט דער גער — דור צו דור,
ביז שומרון איז אינגאַנצן גער געוואָרן.
ערגעץ טונקלט פון שומרון אַ שאָטן פון אַ שאָטן.
אויף אַלטע ביכער ליגט נאָר דער שטויב פון צאָרן.
געבליבן איז יהודה — דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון אשור — דאָס קאָכיקע וואַסער,
פון אַרם — דאָס העלישע פייער,
פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.

איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע,
זאָגט זשע אַלע, שוין פינף מאָל אַ ציגעלע.

האָט בבל, דער אָקס — די דורשטיקע גאָמבע איינגעשפּאַנט,
און אויסגעטרונקען אשור —
דאָס קאָכעדיקע וואַסער.
נאָר צום ציגעלע געווען איז צו קורץ דעם שונאס האַנט,
כאָטש פּוסטע לעכער האָט ער געלאָזן פון קעניגס אויגן.
און צערעוועט האָט זיך בבל — אַ צעווילדעוועטער אָקס:
„בלינד איז צדקיהו — דער יידישער קעניג,
איז בלינד יהודה, אויף אייביק בלינד".
פון בית־המקדש געשטאַרצט האָט אַ לעצטע וואַנט.
געקלאָגט האָט כנען — דאָס לאַנד פון מילך און האָניק,
דאָס לאַנד פון פייגן, פון תורה און באָקסער.
געקלאָגט האָט ירמיהו, אין איכה־טרויער געבויגן,
אין אַש און זאַק אויף יהודהס זינד,
נאָר הייליק האָט דאָס ציגעלע געשוואָרן:
„אַ, אויב איך וועל ירושלים דיך פאַרגעסן,
זאָל זיך פאַרגעסן צו הייבן מיין רעכטע האַנט".
און ס'איז דאָס ציגעלע אין ווייטער פרעמד געווען,
אין שונאס אויג — אַ שטעכיקער דאָרן,
און אויף צעזייטע שטעגן געזען —
אין יעדן טראָט, אין יעדן אָטעם: נס און נס.
ווי אַברהם אין פייער, ווי משהס דאָרנבוים,
האָט יהודה — דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע געברענט,
און אין קיין פלאַם זיך קיינמאָל ניט פאַרברענט.
דאָס קליינע ציגעלע האָט קיינער ניט געקענט,
פון דער גרויסער וועלט פאַריאָגן.
עס לעבט דאָס ווייסע ציגעלע — דער יידישער טרוים:
אַן אָנזאָג אויף נאָענטן פאַרטאָג,
געבליבן איז דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון בבל — דעם אָקס,
פון אשור — דאָס קאָכיקע וואַסער,
פון ארם דאָס העלישע פייער,

פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע,
זאָגט זשע אַלע שוין זעקס מאָל אַ ציגעלע.

האָט פּערסיע — דער שוחט, דעם חלף אַ בליאַסק געטאָן,
און בבל — דעם ווילדן אָקס געשאָכטן.
און נבוכדנצר — פון בבל דער קעניג,
פון געשאָכטענעם אָקס — דער קעניג,
איז גאָר אַ חיה פלוצלונג געוואָרן —
אַ חיה אַזאַ, מיט האָר פון אָדלערס אָנגעטאָן,
האָט ער בייז אַזוי געהונקען:
פון פעלד — דורך וואַלד, פון וואַלד — דורך פעלד,
געשאָלטן די אייגענע יאָרן,
און ווי אַ קללה דער זון פאַרשטעלט,
נאָר דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע,
(ווי משהלע אין קעסטעלע,
האָט געטרונקען זיך, געטרונקען און ניט דערטרונקען).
איז פריילעך אַהיים געגאַנגען:
מיט פויקן, מיט טענץ און געזאַנג —
צוריק קיין כנען, צום לאַנד פון מילך און האָניק.
פרילינגס האָבן אין קרענץ זיך געפלאָכטן,
ביז ס׳האָט די האַרטע וויסט,
זיך דערפרייט, זיך צעבליט.
געבליבן איז יהודה — דאָס קלאָר־ווייס ציגעלע:
פון פּערסיע — דעם שוחט,
פון בבל — דעם אָקס,
פון אשור — דאָס קאָכיקע וואַסער,
פון ארם — דאָס העלישע פייער,
פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער איז עס געווען אַ ציגעלע:
זאָגט זשע אַלע, שוין זיבן מאָל אַ ציגעלע.

איז יאָוון — דער גריך, דער מלאך פון טויט אָנגעפלויגן,
און האָט פּערסיע — דעם שוחט געקוילעט,
נאָר מיט בלוט פון ציגעלע האָט ערשט זיך אָנגעזויגן,
היטלער — דער קרעציקסטער קוילער.
ווי צו אונדזערע יאָרן!
ווי, מיט אַ האַרץ פון מיסט,
שיר ס'ציגעלע פאַרוויסט —
נאָר אָט איז ער געוואָרן,
ווי המן, אַ גראַגער אַ הוילער,
און יהודה — דאָס קלאָר-ווייס ציגעלע,
איז אונטער משהלעס אַלטן וויגעלע,
מיט טויזנט מאָל טרויעריקע מעשהלעך געבליבן,
פאַר גוטע קינדער און קלוגע זיידעס צו דערציילן:
פון היטלער — דאָס האַרץ פון מיסט,
פון גריך — דעם מלאך פון טויט,
פון המן — דעם הוילן גראַגער,
פון פּערסיע —דעם שוחט,
פון בבל — דעם אָקס,
פון אשור — דאָס קאָכיקע וואַסער,
פון ארם — דאָס העלישע פייער,
פון עמלק — דעם שטעקן,
פון אמורי — דעם הונט,
פון מצרים — די קאַץ.
איי, קינדער וועט נאָך זיין אַ ציגעלע,
זאָגט זשע אַלע — שוין איינמאָל אַ ציגעלע.

גלויב מיין פֿאָלק

גלויב מיין פֿאָלק, אַ טאָג אַזאַ וועט קומען —
אַ טאָג, ווי מיין מאַמעס האַרץ אַזוי לויטער.
דאָס בלוט פֿון געטאָס וועט אויסקושן דער טוי.
מיט ערלעכער מי וועט זיך כיינדלען די בלום.

און רוישן וועט פֿעלד און שטאָט מיט ברכה פֿון הענט.
אַלע פֿעלקער — אַ סימפֿאָניע אויף דער ערד.
יעדעס פֿאָלק אויף זיין רירנדיקן אינסטרומענט,
וועט אויסשפּילן זיין מזל־ברכה אויף דער ערד.

אַ, דער מענטש וועט נאָך געפֿינען מתושלחס יאָרן,
מיט דער האַרטער וואָר די אייביקייט באַרירן.
דעם נביאס געדרעכטער צאָרן וועט ניט אויפֿהערן ברויזן,
ביז זיין זעאונג וועט קלאָר אין יעדן אויג זיך שפּיגלען.

אויף דעם פֿאַרשאָלטענעם אָרט פֿון טויטנהויז,
וועט זיך וויגן אַ חלום דורך אומרואיקן קאָרן.
אָן וועכטער, אָן שלעסער, אָן ריגלען,
וועלן וואָרטן אָפֿענע, גאַסטפֿריינטלעכע טירן.

מיין פֿאָלק, ווי די שטערן ניט צו ציילן,
ווי אברהם האָט אין לאַנד מוריה געזען —
נאָר דער וואָלקן וועט אויף זיין גורל טרויערן,
און פֿאַרשטיין וועלן מענטשן — קינדער:

„אַמאָל איז אַ וועלט אַזאַ געווען.
געטיילט האָט זון אַ בלינדער.
אַ תליון האָט די וואונדן געהיילט.
די קדושים, ווי די שטערן, ניט צו ציילן".

גלויב מיין פאָלק, אַ טאָג אַזאַ וועט קומען,
פון דיר און מיר, פון יעדן איינעם פון אונדז.
איבער אַלע דורות וועט אַ טאָג אַזאַ אויפגיין,
אַ טאָג אָן שקלאַף, אָן האַר, אַ טאָג פון מענטש און זון.

צייט און רוים — אַ קאַמער לעבן אַ קאַמער:
דער מענטש וועט דורך פּלאַנעטן, ווי דורך גאַסן גיין.
אָ, זיי נאָר ברודער, אָ, זיי נאָר שוועסטער אַליין אַ שטראַל,
דורך דיין שיין וועט יעדער חושך פאַרפאַלן.

אינהאַלט:

אַריינפיר — 9-10

1

דער פשוטער חלום — 11-22

2

אויף בייסיקלס דורך „סענטראַל פּאַרק" — 25-32

3

יידיש־קודש:

אַ געזאַנג צו כייקען — 35-36
מיכאַלישעק — 37
אַ וויג ליד אַזאַ — 38-39
אוי, כייקע — אוי, שטעטעלע מיינס — 40-41
יידיש — מיין ליד, כייקע — מיין גאָלד — 42-44
חנוכה — 45-46

4

אַ קללה דער איינזאַמקייט:

אַ קללה דער איינזאַמקייט — 49
אַ נאַכט אין איינזאַמען וואַלד — 50-52
די „באַבע" — 53-54
פריינט — 55
היט דעם שונא — 56
די רויטע אַרמיי אַרום בערלין — 57
דייטש—תליון — 58

5

אָוונט־ברויט:

אָוונט־ברויט — — — — — — — — — — — 61-66
ביים אָנהייב זונפאַרגאַנג — — — — — — — — 67-68
איין אַליין — — — — — — — — — 69-72

6

מאַמע:

מאַמע — — — — — — — — — — 75-77
ביים קינדישן פאַרטאָג — — — — — — — — 78-79
עפּיטאַף — — — — — — — — — 80

7

„זייט געזונט" פון לייזער חייט:

עטלעכע ווערטער וועגן „זיי געזונט" — — — — — — 83-87
לייזערס לעצטער בריוו — — — — — — — — — 88-91
לידער פון לייזער חייט — — — — — — — — — 92-106

8

שיר השירים (א) און רש"יס פּירוש — — — — — — 109-120

9

דער לעצטער ייד — — — — — — — — — 123-128

10

אַ שעה דורך מיין פענצטער:

1. זונאויפגאַנג — — — — — — — — — 131
2. געבענטשט זיי דאָרן — — — — — — — — — 132
3. דער וואָלקן — — — — — — — — 133
4. אַ זון מיט אַ שניי — — — — — — — — — 134

הײליק, הײליק איז יעדנס לעבן:

1. פישער — 135
2. הײ, קין־זיגער — 136
3. אַ תפילה — 137
4. פלאַטערל — 138

עמוס — 139־140

11

פאַר די קלײנע קינדערסוועגן:

די מאַמע קו און דאָס קעלבעלע — 143־145

פורים — 146

שלמהלע — 147

אַ קינדער־מאַרש — 148

מײן קעצעלע — 149־150

װינטער — 151

12

געדאַנקען פון קינדער:

װאָס איז פרילינג? — 155

װאָס איז זומער? — 156

װאָס איז האַרבסט? — 157

פאַרװאָס זאָגן מיר „עלנט װי אַ שטײן" — 158־159

אַלע, אַלע אין אונדזער שול אַרײן! — 160

13

שױן אײנמאָל אַ ציגעלע — 163־170

גלױב מײן פאָלק — 171־172

ביכער פון מעינקע קאַץ:

דריי שוועסטער — 1932

דער מענטש אין טאָגן — 1935

ברענענדיק שטעטל, בוך איינס — 1938

ברענענדיק שטעטל, בוך צוויי — 1938

ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע — 1939

צו דערציילן אין פריידן און ברענענדיק שטעטל בוך דריי — 1941

דער פשוטער חלום — 1947